בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

234

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש ברסלב**
Heichal Hakodesh Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב**
**בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וֶועלְכֶע סָארְט תְּכֵלֶת נוּצְט מֶען אִין בְּרֶסְלֶב?......א
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר דִי עֵצָה צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן......ב
קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת וֶוען אֵיינֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער אוּן דֶער צְוֵוייטֶער נִישְׁט?......ד
דַארְף מֶען זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער יֶעדֶעס מָאל מֶען שְׁטֵייט אוֹיף בַּיינַאכְט?......ז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


פִילֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער שְׁטֵייעֶן דוּרְךְ דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן בְּרִיוו......א
גוֹיִם זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין דִי בִּנְיָנִים בְּשְׁעַת דִי קִינְדֶער זֶענֶען דָארְט......ב
שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין נְדָבָה......ב
דִי אַלֶע מְנִיעוֹת וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה......ג
עֶס אִיז דָא חוֹבוֹת, נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן, דִי מְחוֹת זֶענֶען צֶעקְוֶועטְשְׁט......ו
זִינְג דִי זְמִירוֹת אוּן זִינְג אֵייגֶענֶע אוֹיפְגֶעמַאכְטֶע הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים......ו
עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר וִויכְטִיג אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת......ז
חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת......ח
זֶע עֶס זָאל זַיין אִין דַיין שְׁטָאט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"......ח
אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה פַאר גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער......ט
אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ וִוי אַזוֹי צוּ טַאנְצְן......י
מֶען מוּז זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן......י
אוֹיב מֶען וֶועט זַיין שְׁטַארְק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן......יא
רֶעד מִיט אַלֶעמֶען דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, מִיט אִידְן אוּן לְהַבְדִיל מִיט גוֹיִם......יב
חוּמָשׁ רַשִׁ"י דַארְף זַיין דֶער עִיקָר לִימוּד, חוּמָשׁ רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם......יג
נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט קַיין נוּצְן פוּן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת......יג

אַפָּאר הַנְהָגוֹת פַאר דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג ............................................ טו

דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן אִיז אֵיין שְׁטִיק מְסִירוּת נֶפֶשׁ................. טז

מוֹהֲרָא"ש הָאט אָפְּגֶעלִיטְן צָרוֹת צְרוּרוֹת אוּן דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט
קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה............................................................... יז

נִישְׁט פַארְפֶעלְט קַיין אֵיין טָאג מִקְוֶה ................................................יח

פְרֶעגְן יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת...................................יח

מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן שֵׂכֶל אוֹיךְ צוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן................ יט

זֶע צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ צוּ צִינְדְן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט.................................כ

אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז דֶער דַיין שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל ...............כ

לֶערְנְט דִי כַּלוֹת מִיט דִי וַוייבְּלֶעךְ דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת.......................... כא

זִיצְן אִין דִי זַייט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן............................................כב

פְרוֹיעֶן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים.......... כג

פִיר דִיךְ שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ.....................................................................כד

הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער אַיינְגֶעשְׁפָּארְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער .....................כד

טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט מִיט עַזוּת פָּנִים'עֶר .................................כה

דֶער בִּנְיָן וָואס דוּ הָאסְט מְנַדֵב גֶעוֶוען, דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר ................כו

אוֹיבְּן אִין הִימְל קוּקְט מֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ לוֹיפְט בְּעֵת צָרָה .........................כז

שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען הַאֲוֶ'ן ..................................................................כח

טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת הַמְתוּרְגָם ....... כט

דִי סֵדֶר הַנְסִיעָה אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים אִין אֵייְרָאפֶּע..........................................ל

עֶס אִיז יֶעצְט טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶער עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין לִיכְטִיג וֶוערְן..............לו

גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ מַאכְן הֲפָצָה וִוי מֶען דַארְף, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען מִכְשׁוֹלוֹת .......לז

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט בַּיי דִי נְסִיעָה פוּן דִי טַייעֶרֶע
אִינְגֶעלַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ...............................................................לח

אִין זְכוּת פוּן בַּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ ................. לט

עֶטְלִיכֶע הֲלָכָה שְׁאֵלוֹת......................................................................... לט

אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז נָאר אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן ........................................מ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶועלְכֶע סָארְט תְּכֵלֶת נוּצְט מֶען אִין בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ אַ גֶעפִּיל צוּ אָנְטוּן תְּכֵלֶת, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעטוּן אִין דֶעם עִנְיָן, גֶעלֶערְנְט דִי סְפָרִים אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא; אָבֶּער אִיךְ וִויל פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי אוּן וֶוען אִיז דָאס אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין בְּרֶסְלֶב, אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָאס דָאךְ נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ דֶער עִנְיָן אִיז צוּ גֵיין דֶערְמִיט נָאר אוֹיפְ'ן טַלִּית קָטָן, אוּן אוֹיךְ וֶועלְכֶע סָארְט תְּכֵלֶת מֶען נוּצְט אִין בְּרֶסְלֶב, פוּן הֵיילִיגְן רַאדְזִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָדֶער פוּן דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**בְּעִנְיַן תְּכֵלֶת אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אוּן צוּ רֶעדְן; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט דִי זַאכְן, עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס אַרַיינְקְרִיכְן אוּן חוֹקֵר זַיין אוֹיבּ דִי תְּכֵלֶת אִיז דִי עֶכְטֶע אָדֶער יֶענֶע תְּכֵלֶת אִיז דִי אֱמֶתְ'עֶ; דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אִיז אַ מִצְוָה וָואס אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מִצְוֹת, עֶס רַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער**

רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז): "צִיצִית שְׁמִירָה לְנִאוּף", צִיצִית רַאטֶעוֶועט פוּן נִיאוּף, "סְגֻלָּה לְחוֹלֶה לְהִסְתַּכֵּל עַל הַצִּיצִית", צִיצִית אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוָה.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ גֵיין מִיט תְּכֵלֶת וַוייל רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט תְּכֵלֶת. רֶבִּי אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאט אַ קַבָּלָה פוּן זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רעט): "פוּן מִיר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין נֵייעֶס", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אָהּ תְּרַחֵם, אָהּ תְּרַחֵם"; דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם "אָהּ תְּרַחֵם", אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער רַאדְזִינֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי תְּכֵלֶת אִין יָאר תְּרַחֵ"ם [תרמ"ח], הָאט זִיךְ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטְרָאפְן מִיט אִים אוּן דֶעמָאלְט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם עִנְיָן פוּן גֵיין מִיט תְּכֵלֶת, פַארְשְׁטֵייעֶנְדִיג אַז דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם "אָהּ תְּרַחֵם", אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין מִיט תְּכֵלֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי עֵצָה צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זָאגְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַאר דִי נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט מִיר.

בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה אַז דִי סֶערֵייעֶסֶעס אוּן הוֹיט פְּרָאבְּלֶעמֶען זָאלְן אַוֶועקְגֵיין, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ לֵייגְן אוֹיל

פוּן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ דַאנְק יֶעצְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פָּשׁוּט קְלָארֶע הוֹיט; עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, עֶס אִיז אַזַא מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִתְפַּלֵל זַיְין פַאר מִיר, אוּן יְיַשֶׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי גוּטֶע עֵצָה פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי לֶעבְּן וֶוערְט אַזוֹי אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט אַ רְפוּאָה, דִי זַאךְ אִיז אַוֶועק, אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן שְׁרַייבְּן דִי גוּטֶע נַייעֶס, נִישְׁט אַלֶע קוּמֶען צוּרִיק דֶערְצֵיילְן וֶוען זֵיי זֶעעֶן דִי יְשׁוּעָה.

זַייט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער נִגּוּנֵי אֱמוּנָה; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר קִינְדֶער צוּ טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען מִיט זֵיי.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ דַארְף הָאבְּן אַ גוּטֶע סְפִּיקֶער, עֶס זָאל זִיךְ הֶערְן נָאר פְרֵיילִיכְקֵייט, לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס פַאר אַ נִיגוּנִים מֶען הֶערְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ג) נִיגוּנִים פוּן רְשָׁעִים שַׁאדְט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; הַיינְט אִיז אַ צֶעמִישֶׁענִישׁ פוּן זִינְגֶערְס, דִי אַלֶע זִינְגֶערְס וָואס הִיטְן נִישְׁט תּוֹרָה וּמִצְווֹת זִינְגֶען אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, אָבֶּער עֶס אִיז טָמֵא וּמְטַמֵּא הַשֵּׁם יְרַחֵם, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס וָואס זִינְגֶען נִגּוּנֵי אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן, דָאס דַארְף מֶען אָנְצִינְדְן פַאר קִינְדֶער.

...

## קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת וֶוען אֵיינֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר און דֶער צְווייטֶער נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים, בְּרִיוו און גִּלְיוֹנוֹת וָואס הָאבְּן מִיר אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ בַּת יְחִידָה, צְווִישְׁן צְווֵיי בְּרִידֶער. אִיךְ בִּין שׁוֹין צְוֵויי און צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט פַאר מִיר אַסַאךְ שִׁידוּכִים, אָבֶער אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם וָואס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד.

אִיךְ קוּם נִישְׁט פוּן אַ חֲסִידִי'שֶׁע גֶעזֶעלְשַׁאפְט, אִיךְ בִּין אָבֶער גֶעוָוארְן צוּגֶעצוֹיגְן צוּ בְּרֶסְלֶב דוּרְךְ אַ חַבֶרְ'טֶע און מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם, אָבֶער זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק.

מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'עֶן דַוְקָא אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר בָּחוּר, און אֲפִילוּ נִישְׁט דַוְקָא אוֹיף אַ חֲסִידִי'שֶׁער בָּחוּר, דֶער עִיקָר אִיז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מִתְנַגֵד און דַאן וֶועל אִיךְ אִים שְׁפֶּעטֶער קֶענֶען מְקַרֵב זַיין צוּ חֲסִידוּת און צוּ בְּרֶסְלֶב. אִיךְ בִּין אָבֶער נִישְׁט זִיכֶער אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, אִיז שַׁייךְ צוּ מְקַרֵב זַיין דֶעם מַאן נָאךְ דִי חֲתוּנָה? דָאס וֶועט דָאךְ מַאכְן דָאס לֶעבְּן, כָּאטְשׁ אִין אָנְהוֹיבּ, זֵייעֶר קָאמְפְּלִיצִירְט.

און דֶער עִיקָר ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דִי שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט נִישְׁט זַיין שְׁוֶוער אוֹיבּ בֵּיידֶע זֶענֶען אַזוֹי אַנְדֶערְשׁ אֵיינֶער פוּנֶעם צְווייטְן? קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ מַאן אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר בְּרֶסְלֶב, און עֶר הָאט גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב, און אֶפְשָׁר אֲפִילוּ גָארְנִישְׁט בִּכְלַל מִיט חֲסִידוּת?

אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חַתּוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט עֵצוֹת און הַדְרָכָה?

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְט אִיר וִויסְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז צְוֵויי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אֵיינִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, ב): "כְּשֵׁם שֶׁאֵין פַּרְצוּפוֹתֵיהֶן דּוֹמִין זֶה לָזֶה, כָּךְ אֵין דַּעְתָּן שָׁוִין זֶה לָזֶה", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ; דֶערִיבֶּער אֲפִילוּ אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָתָן, בֵּיידֶע פוּן אַייךְ זֶענֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶר - וֶועט אִיר נָאכְאַלְץ דַארְפְן שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת. מֵיינְט נִישְׁט אַז וִוייבַּאלְד אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶב אוּן אִיר וֶועט טְרֶעפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָתָן - קוּמְט אַטָאמַאטִישׁ שָׁלוֹם בַּיִת; שָׁלוֹם בַּיִת קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס דִי מִידּוֹת, מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מְתַקֵּן זַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת; נָאר אַזוֹי הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִּיקִים, וואוּ בֶּעט מֶען בַּיים דַאוֶונֶען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת? בַּיי: "וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה", בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶרְד. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רעז) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶרְד, "כְּמוֹ הֶעָפָר שֶׁהַכֹּל דָּשִׁין עָלֶיהָ", אַזוֹי וִוי עֶרְד וָואס אַלֶע טְרֶעטְן אוֹיף אִיר, "וְהִיא נוֹתֶנֶת לָהֶם כָּל הַטּוֹבוֹת", אוּן דֶער עֶרְד גֶעבְּט צוּרִיק נָאר גוּטְס, "אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְזָהָב וָכֶסֶף וַאֲבָנִים טוֹבוֹת", עֶסְן, טְרִינְקֶען, זִילְבֶּער, גָאלְד אוּן דֵיימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער, "הַכֹּל הָיָה מִן הֶעָפָר", אַלֶעס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי עֶרְד, "כְּמוֹ כֵן אַף עַל פִּי שֶׁהֵם חוֹלְקִים עָלָיו וּמְבַקְשִׁים רָעָתוֹ אַף עַל פִּי כֵן יַעֲשֶׂה לָהֶם כָּל הַטּוֹבוֹת, כְּמוֹ הֶעָפָר", אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן אִים שְׁלֶעכְטְס - נָאר גוּטְס, אַזוֹי וִוי דִי עֶרְד, דָאס בֶּעט מֶען: "וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה", אִיךְ זָאל זַיין בַּיי מִיר אַזוֹי וִוי עֶרְד; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען אִיז גְרֵייט צוּ טוּן פַארְ'ן צְוֵוייטְן נָאר

גוּטְס אֲפִילוּ מֶען טְרֶעט אוֹיף מִיר.

צְוֵוייטְנְס זָאלְט אִיר וִויסְן, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט וֶוען בֵּיידֶע טְרַאכְטְן דִי זֶעלְבֶּע, דָאס אִיז נִישְׁט שָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן פ) שָׁלוֹם אִיז וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן בֵּיידֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן דִי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר אוּן דֶער צְוֵוייטֶער מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", וָואס דָאס זֶענֶען צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר אוּן פֵייעֶר טְרוּקֶנְט אוֹיס וַואסֶער, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָּר שָׁלוֹם, מְחַבֵּר זַיין צְוֵויי פַּארְקֶערְטֶע זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

אִיר זָאגְט אַז אִיר זֶענְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אִיר זֶענְט בְּרֶסְלֶב, וָואלְט אִיר שׁוֹין גֶעדַארְפְט וִויסְן וָואס אִיז דָאס בְּרֶסְלֶב; בְּרֶסְלֶב אִיז שֵׂכֶל, בְּרֶסְלֶב אִיז טְרַאכְטְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מִצְוֹת, קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע - דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֶוייניגֶער; אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר דַארְף זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט יֶעדֶע סָארְט שִׁידוּךְ: חֲסִידִי"שׁ, לִיטְוִויש, יֶעקִישׁ, אַשְׁכְּנַזִי"שׁ אוּן סְפַרְדִי"שׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אַ מַאֲמָר הֶחָכָם: "הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן, כִּי הוּא אוֹיֵב רַע מְאֹד", גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן צַייט, מֶען דַארְף הִיטְן דִי צַייט, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁנֶעל. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנְסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵיגָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; בְּדֶרֶךְ כְּלָל אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַ בַּעַל גַּאֲוָה וְכוּ', עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ נֶעמֶען שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט אִים אָן אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס אַוֶועק זָאגְנְדִיג: 'אִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער חָכָם וֶועל נֶעמֶען דָאס?!' 'אִיךְ דֶער שֵׁיינֶער מֶענְטְשׁ, דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶועל חַתוּנָה הָאבְּן מִיט אַזוֹינְס?!' אַזוֹי דְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַרוּם וְכוּ' זוּכְנְדִיג אַ שִׁידוּךְ וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן

גֶעוָואוּרְן; מֶען זוּכְט און מֶען זוּכְט, מֶען גֵייט אַרוֹיס זִיךְ טְרֶעפְן וְכוּ׳, אַלְץ מִיט דִי כַּוָּונָה אַז אֶפְשָׁר וֶועט מֶען טְרֶעפְן אַ כַּלָּה וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ רַייטְן אוֹיף אַ וַוייסֶע פֶערְד מִיט אָנְגֶעפִּילְטֶע זֶעק מִיט גֶעלְט וְכוּ׳, מֶען וַוארְט עֶס זָאל גֶעבוֹירְן וֶוערְן אַזַא פַּארְשׁוֹין און מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט, און פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶעט מֶען זִיךְ פַארְעֶלְטֶערְט...

וַוארְטְס נִישְׁט אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר, אוֹיף אַ חֲסִידִי׳שֶׁער.

...

## דַארְף מֶען זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער יֶעדֶעס מָאל מֶען שְׁטֵייט אוֹיף בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וֶועגְן נֶעגְל וַואסֶער. עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֵיין עֶטְלִיכֶע מָאל בַּיינַאכְט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְן מִיט דִי קִינְדֶער, וְויל אִיךְ וִויסְן אוֹיב מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער יֶעדֶעס מָאל בַּאזוּנְדֶער, אָדֶער נָאר אִינְדֶערְפְרִי. צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוֹיב אִיךְ וַואשׁ זִיךְ נֶעגְל וַואסֶער פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, דַארְף אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל וַואשְׁן וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אוּם אַכְט אַזֵייגֶער?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב, קפד:) בְּשָׁעַת אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט גֵייט אַרוֹיף זַיין נְשָׁמָה און עֶס קוּמְט אַ רוּחַ טוּמְאָה אוֹיף אִים, און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף - קוּמְט זַיין נְשָׁמָה צוּרִיק, דֶעמָאלְט גֵייט אַוֶועק דִי רוּחַ טוּמְאָה פוּן אִים אָבֶער עֶס בְּלַייבְט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט און גֵייט נִישְׁט אַרָאפּ פוּן אִים נָאר דוּרְךְ נֶעגְל וַואסֶער.

אַז מֶען שְׁלָאפְט אִין דִי נַאכְט שָׁעוֹת - דַארְף מֶען זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אוּן וִויפִיל מָאל מֶען גֵייט צוּרִיק שְׁלָאפְן; אוֹיב מֶען וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּב - דַארְף מֶען זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער סְטֵייפְּלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז אִירֶע קִינְדֶער פַּאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן מַמָּשׁ יֶעצְט הָאט אִיר זוּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי פֵּיאוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערְפְרִי?" דִי פְרוֹי אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן פַאר בּוּשָׁה אוּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִי גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "וָואס ווילְט אִיר פוּן מִיר? אַז מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בְּלַייבְּט דִי טוּמְאָה אוֹיף דִי הֶענְט; וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא, מִמֵּילָא אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט אַ רוּחַ טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ טוּן אַז אִיר אַלֵיינְס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי צָרוֹת?" זֶעט מֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**פִילֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער שְׁטֵייעֶן דוּרְךְ דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן בְּרִיוו**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יָא, זִיכֶער; אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן צְדָקָה צוּ דְרוּקְן דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן דִי נֵייעֶ סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.

דִי הַבְטָחָה וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט זֶען יְשׁוּעוֹת, דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים. וָואס שְׁטֵייט אִין דִי גִלְיוֹנוֹת? וָואס שְׁטֵייט אִין דִי נֵייעֶ סְפָרִים? עֶס שְׁטֵייט נָאר וֶוערְטֶער, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק פוּן מוֹהֲרָא״שׁ; אַזוֹיפִיל אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דֶעם, אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער שְׁטֵייעֶן בִּזְכוּת דֶעם, אַזוֹיפִיל קוּמֶען צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּזְכוּת דֶעם, וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְרַאגֶע?

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דִי גִלְיוֹנוֹת מִידֵי שַׁבָּת בְּשַׁבַּתּוֹ; דִי גִלְיוֹנוֹת מַאכְן אַזַא מַהְפֵּכָה אִין דִי וֶועלְט, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא הֲפָצָה אִין בְּרֶסְלֶב אַזוֹי וִוי דִי הֲפָצָה מִיט דִי גִלְיוֹנוֹת. אַלֶע לֵיינֶען דָאס, אַלֶע וַוארְטְן אוֹיף דֶעם; מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן פוּן שׁוּל צוּ שׁוּל זוּכְן אַ גִלְיוֹן, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, בִּפְרַט צוּ דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת; מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דָאס לֶעבְּט זֵיי אוֹיף, דָאס אִיז זֵיי אַזוֹי מְחַזֵּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גוֹיִם זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין דִי בִּנְיָנִים בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער זֶענֶען דָארְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרע ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דֶער גוֹי וָואס רֵיינִיגְט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִין מֵיידְל סְקוּל - זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי קִינְדֶער; נִישְׁט זֶען דִי קִינְדֶער אוּן נִישְׁט זַיין אִינֶעם בִּנְיָן וואו דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען.

אוֹיבּ מֶען דַארְף הָאבְּן הֶעלְפֶּערְס בַּיי דִי קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ נָאר נֶעמֶען עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן זָאלְן זַיין גוֹיִם צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט טוּן מַיין ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין נְדָבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען זָאגְט מִיר פוּן אָפִיס אַז דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר שְׂכַר לִימוּד; קֶען זַיין דוּ בִּיסְט גֶעדְרוּקְט, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הֵייבְּסְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען מֶען רוּפְט דִיר פוּן אָפִיס.

עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין פוּן עֶלְטֶערְן דָאס צוּ טוּן פַאר דִי מוֹסָד וואו דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען. דִי גַאנְצֶע מוֹסָד; דִי מְלַמְדִים, דִי טִיטְשֶׁערְס - אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, זֵיי טוּעֶן אַזוֹיפִיל פַאר דִי קִינְדֶער, קוּמְט אוּנְז דָאס צוּרִיק צוּ טוּן? זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן? צוּ שְׁפֵּייעֶן אִין פָּנִים?!

שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ נְדָבָה? וֶוען מֶען צָאלְט שְׂכַר לִימוּד טוּט מֶען אֵיינֶעם

אַ טוֹבָה? דָאס אִיז אַ נְדָבָה?! דָאס אִיז פַּאר דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער! דָאס אִיז פַּאר מֶענְטְשְׁן וָואס זִיצְן פוּן אִינְדֶערפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס סַבְלָנוּת - דָאס טוּסְטוּ צוּרִיק?!

אִיךְ זָאג דִיר קְלָאר דוּ זָאלְסְט וִויסְן, אוֹיב דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן, דוּ וֶועסְט אִיגְנָארִירְן דִי מוֹסָד - וֶועלְן מִיר וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אִיךְ גֵיי זֵיי נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן; אָבֶער וָואס אִיז מִיט דִיר? וָואס בֶּעט אִיךְ פוּן דִיר? אִיךְ בֶּעט סַךְ-הַכֹּל הֵייבּ אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען מֶען רוּפְט דִיר, הֶער וָואס מֶען בֶּעט; וֶוער זָאגְט מִיר דַארְפְן דִי גַאנְצֶע צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג? מִיר וֶועלְן זַיין צוּפְרִידְן מִיט אַ צְוָואנְצִיגֶער, מִיט אַ צֶענֶער; וָואס הֵייסְט מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג?!

...

## דִי אַלֶע מְנִיעוֹת וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; בְּלַייבּ שְׁטַארְק. ווארוּיל אִיז דִיר אַז מֶען הָאט דִיר אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דַיין אַמְט צוּלִיבּ דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צוּלִיבּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. מֶען הֶערְט אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן יְשִׁיבוֹת וואוּ מֶען וַוארְפְט אַרוֹיס אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע צוּלִיבּ עֲבֵירוֹת, אָבֶער דַיין גַאנְצֶע חֵטְא אִיז אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר.

אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן יָארְן צוּרִיק וֶוען מֶען הָאט מִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן מַיין אַמְט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד מִיט אַ מְנַהֵל, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "אַשְׁרֶיךָ שֶׁנִּתְפַּסְתָּ עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה", ווארוּיל אִיז דִיר אַז מֶען הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס דוּ הָאסְט מְזַכֶּה גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן

אַרײַנְלֵייגְן אִין זַיי אֱמוּנָה; קוּק נָאךְ דִי בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ שְׁנַת ה'תשס"ט, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

בְּלַייבּ שְׁטַארְק אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ נָאךְ מֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים, סְפָרִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת. דָאס אַלֶעס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי קְלֶעפּ שִׂמְחַת תּוֹרָה אוּן דִי פַּרְנָסָה וָואס מֶען הָאט דִיר מְקַפֵּחַ גֶעוֶוען אוּן דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים - דָאס וֶועט דִיר נָאר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעדֶענְק וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט גֶערֶעדְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין ווַייבּ זַיין שְׁטַארְק, עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק - וֶועט עֶנְק קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן.

פוּן אַלֶעס וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, טוּט מִיר דָאס מֶערְסְטֶע וֵויי אַז דַיין ווַייבְּ'ס עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט עֶנְק ווַייל אִיר זֶענְט נֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן בְּרֶסְלֶב. גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, קוּקְט וָואס לָשׁוֹן הָרָע טוּט; זַיי מֵיינֶען אַז אִיר זֶענְט אִין נִישְׁט אַ גוּטֶע פְּלַאץ, וָואלְטְן זַיי גֶעווּיסְט וָואס דֶער רֶבִּי אִיז, וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, וָואס מֶען לֶערְנְט בַּיים רֶבִּי'ן, וָואלְטְן זַיי גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן צוּ אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט נָאר יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצד): "אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם".

אוֹי ווִי עֶס טוּט וֵויי וֶוען עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַ קִינְד, אוֹי שְׁטֶעכְט עֶס אִין הַארְץ; דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין וֵוייטָאג אַנְטְקֶעגְן דִי צַעַר, וָואס גֵייט מִיר אָן אַז דֶער אַדְמוֹ"ר הָאט גֶעהֵייסְן שְׁלָאגְן? וָואס גֵייט אָן אַז מֶען הָאט מִיר אָפְּגֶעזָאגְט פוּן אַ פַּרְנָסָה? פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, פַּרְנָסָה אִיז דָא אַסַאךְ, אוּן דֶער אַדְמוֹ"ר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן ווַייטֶער אָנְכַאפְּן זַיינֶע חֲסִידִים זַיי זָאלְן אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן; אִיךְ דַארְף אִים בִּכְלַל נִישְׁט הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ אַ רֶבִּי וָואס הֶעלְפְּט מִיר, אַ רֶבִּי וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיר, אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ'; אָבֶּער אַז עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַ קִינְד - דָאס שְׁטֶעכְט, דָאס טוּט וֵויי.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, זָארְג נִישְׁט; בַּיים סוֹף וֶועלְן זֵיי שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִיר אוּן דַיין וַוייבּ, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין, דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן זֵיי, דוּ וֶועסְט טְרַאכְטְן נָאר גוּטְס אוֹיף זֵיי - וֶועלְן זֵיי אַלֵיינְס קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן; אִין אָנְהֵייבּ הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶע'רוּדְפְ'ט עַד חָרְמָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ אִים, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ, אָבֶּער בַּיים סוֹף הָאט עֶר אִים אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן אַזוֹי וִוי מֶען רוּפְט אַן אָדָם גָּדוֹל, מִיט אַ ר', "ר' נָתָן"; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "טַאטֶע, רוּף מִיר נִישְׁט מִיט אַ ר'", אָבֶּער דֶער טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר אַזוֹיפִיל נַחַת, אִיךְ וֶועל דִיר רוּפְן ר' נָתָן".

דִי אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִיק - אִיז אַ גְרוֹיסֶער טוֹבָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפה, בְּסוֹף): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוּרָב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וּגְדוֹלוֹת כְּגוֹן מֵאָבִיו וְאִשְׁתּוֹ וְחוֹתְנוֹ", עֶר הָאט מְנִיעוֹת פוּן זַיין טַאטֶע, וַוייבּ אָדֶער שְׁוֶוער, "אוֹ מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁמּוֹנְעִים וּמְעַכְּבִים אוֹתוֹ מְאֹד, וּמְנִיעוֹת מֵחֲמַת מָמוֹן וְכוּ'", אָדֶער מְנִיעוֹת פוּן גֶעלְט, "הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם", דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טוֹבָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, "כִּי עַל יְדֵי זֶה", וַוייל דוּרְכְדֶעם, "זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה", אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין שֶׁפַע קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר טָרוּד, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

...

### עֶס אִיז דָא חוֹבוֹת, נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן, דִי מֹחוֹת זֶענֶען צֶעקְוֶועטְשְׁט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ'**

וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גֵייט אִיר אַרִיבֶּער יֶעצְט אַ צַייט פוּן אַ נִסָּיוֹן; פַּרְנָסָה אִיז עֶנְג, עֶס אִיז דָא חוֹבוֹת, נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן; דָאס מַאכְט דִי מֹחוֹת אַבִּיסְל צֶעקְוֶועטְשְׁט.

בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק, פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, עֶס אִיז אַן אַרִיבֶּערְגַאנְג; בַּאלְד וֶועט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע. עֶס אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן צוּ זֶען אוֹיבּ אִיר וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, בְּלַייבְּן בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם. אִיךְ הָאף אִיר וֶועט דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים אִין לֶעבְּן.

דֶערְמַאנְט אַייךְ נָאר דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים בִּיז אַהֶער, צִינְדְט אָן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק אִין שְׁטוּבּ, טַאנְצְט אוּן פַּאטְשְׁט - וֶועט נִמְתָּק וֶוערְן אַלֶע דִינִים.

...

### זִינְג דִי זְמִירוֹת אוּן זִינְג אֵייגֶענֶע אוֹיפְגֶעמַאכְטֶע הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "יְמֵי חֲנֻכָּה", דִי חֲנוּכָּה טֶעג, "הֵם יְמֵי הוֹדָאָה", זֶענֶען טֶעג פוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וְוִיל אִיךְ דִיר שׁוֹין בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ, צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה בַּיים זְמַן.

זֶעקְס אַזֵייגֶער דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין נָאךְ מַעֲרִיב, נָאךְ מִקְוֶה אוּן נָאךְ אַלֶע הֲכָנוֹת - צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה. מֶען דַארְף זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט וֵוייניגְסְטְנְס אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, זִינְג דִי זְמִירוֹת אוּן זִינְג אֵייגֶענֶע אִידִישֶׁע נִיגוּנִים, אֵייגֶענֶע

אוֹיפְגֶעמַאכְטֶע אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים, וְוִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל:

"אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ - נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין לָאךְ.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין - נִישְׁט גֶעהַאט וואו צוּ גֵיין.

גֶעשְׁלָאפְן אִין גַאס - קַאלְט אוּן נַאס.

יֶעצְט זִיץ אִיךְ אִין שְׁטוּבּ - מֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי לִיבּ.

מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְד - אוֹיף דֶעם דַאנְק אִיךְ דִיר אַצִינְד".

קוּק אוֹיף דִי לִיכְט אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶער נֵס.

...

## עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר וִויכְטִיג אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

בְּנוֹגֵעַ דֶעם שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת וָואס מִיר מַאכְן, דוּ זָאגְסְט אַז אִינְגֶעלַייט זָאגְן דִיר זֵיי ווִילְן נִישְׁט קוּמֶען וְכוּ', וָואס פֶּעלְט עֶס אוֹיס?

דַארְפְּסְט פַארְשְׁטֵיין, עֶס זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַּאר זֵיי אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת, דָאס לֶעבְּט זֵיי אוֹיף, דָאס פְרִישְׁט זֵיי אוֹיף; נָאר צוּלִיבּ דֶעם מַאךְ אִיךְ דָאס. אִיךְ בִּין בַּאקְוֶועם אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן שְׁטוּבּ; יֶעדֶעס מָאל מֶען מַאכְט אַ שַׁבָּת אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ אִיז מִיר דָאס אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ, דָאךְ מַאךְ אִיךְ דָאס פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס לֶעבְּן אוֹיף אוּן זֶענֶען זִיךְ פְּרִישׁ מְקָרֵב צוּם רֶבִּי'ן.

אַז מֶען מַאכְט אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת מוּז נִישְׁט יֶעדֶער קוּמֶען, אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט - וֶוערְט מֶען נִישְׁט אוֹיס תַּלְמִיד, אוֹיס בְּרֶסְלֶבּ'עֶר. אֵיין פְּלַאץ דַארְפְן מִיר גֵיין - קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דָארְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תגו): "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען

זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, נִישְׁט מֶען זָאל זִיךְ פְלִיקְן אוּן שְׁטֶעכְן.

...

### חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אַז חֲנוּכָּה אִיז אַ יוֹם טוֹב פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ צִינְדְן מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ בַּיים זְמַן, זֶעקְס אַזֵייגֶער זָאלְסְטוּ שׁוֹין שְׁטֵיין מִיטְ'ן שַׁמָּשׁ זָאגְן דֶעם לְשֵׁם יִחוּד; מַאךְ אַלֶע הֲכָנוֹת פָּארְאוֹיס, מִקְוֶה וְכַדוֹמֶה, אַלֶעס זָאלְסְטוּ טוּן פְרִיעֶר אִין טָאג אַז בַּיים זְמַן זָאלְסְטוּ שׁוֹין צִינְדְן.

זִיץ בַּיי דִי לִיכְט; קוֹדֶם זִינְג דִי זְמִירוֹת, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי נֵס חֲנוּכָּה אוּן אוּנְזֶער נֵס אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, בַּיי דִי לֶעכְט אִיז אַ צַייט פוּן פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

...

### זֶע עֶס זָאל זַיין אִין דַיין שְׁטָאט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְקַיֵּים דִי וִוילְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, זֶע עֶס זָאל זַיין אִין דַיין שְׁטָאט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אוּן זֶע מֶען זָאל עֶס פִירְן אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט.

מִיר מוּזְן טוּן מוֹהֲרָא"שְׁ'ס וִוילְן, עֶס מוּז זַיין אִין יֶעדֶע פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען רֶעדְט דֶעם רֶבִּינְ'ס

וֶוערְטֶער אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ, נָאר אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הֲפָצָה; פַּארְשְׁפְּרֵייט דִי גִּלְיוֹנוֹת, קַארְטְלֶעךְ, קוּנְטְרֵסִים, סִידִיס אוּן וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין, דֶער צִיל אִיז אַז נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן מִיט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן.

...

## אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה פַאר גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחִיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פוּן דִי חֳדָשִׁים:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ אַ מַאן, אוּן יֶעצְט וַוארְט אִיךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת אַ שִׂמְחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיר אַ גְרִינְגֶע לֵידָה, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְג, בְּנָקֵל וּבְנַחַת. דֶער קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט בְּרְמַ״ח אֵיבָרִים וְשְׁסָ״ה גִּידִים, דֶער קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַדִיק אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי אוּן דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו, וּבִזְכוּת רַבֵּינוּ מוֹהֲרָא״שׁ זֵכֶר צַדִיקִים לִבְרָכָה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי״.

...

**אויסלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ וִוי אַזוֹי צוּ טַאנְצְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אוֹיבּ אִיר וָואלְט גֶעהַאט אַבִּיסְל צַייט אוּן כֹּחַ צוּ קוּמֶען צְוֵויי דְרֵיי מָאל אִין סְקוּל בֵּית פֵיגָא אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ וִוי אַזוֹי צוּ טַאנְצְן - וֶועל אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין.

יָארְן צוּרִיק הָאט אִיר דָאס גֶעלֶערְנְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ, זֵיי זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ טַאנְצְן בַּיי חֲתוּנוֹת. אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, יֶעצְט אִיז דָא אַ פְרִישֶׁע דוֹר, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ טַאנְצְן.

מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֶעלְפְט דִי מוֹסָד אִיז דָאס אַ חֵלֶק פוּן הֲפָצָה, פוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

...

**מֶען מוּז זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֵיינֶע פוּן דִי פוּנְדַאמֶענְטְן פוּן בְּרֶסְלֶב אִיז דִי תּוֹרָה פוּן "אֲזַמְּרָה" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב), מֶען זָאל זוּכְן אִין זִיךְ גוּטֶע זַאכְן, "וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁמַּתְחִיל לְהִסְתַּכֵּל בְּעַצְמוֹ וְרוֹאֶה שֶׁאֵין בּוֹ שׁוּם טוֹב", אֲפִילוּ מֶען זֶעט אִין זִיךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס, "וְהוּא מָלֵא חֲטָאִים", נָאר מֶען אִיז פוּל מִיט זִינְד, "אַף עַל פִּי כֵן אָסוּר לוֹ לִפֹּל מִזֶּה", מִיט דֶעם אַלֶעם טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן גֶעפַאלְן פוּן דֶעם, "רַק צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב", נָאר מֶען דַארְף זוּכְן אִין זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, "כִּי אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁלֹּא עָשָׂה מִיָּמָיו אֵיזֶה מִצְוָה אוֹ דָּבָר טוֹב", עֶס קֶען נִישְׁט זַיין מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעטוּן אַמָאל אִין לֶעבְּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען טְרֶעפְט שׁוֹין יָא אִין זִיךְ אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶס אִיז אוֹיךְ פַארְשְׁמִירְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, -

דָאךְ מוּז מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן. קוּק אַרַיין אִין דִי תּוֹרָה, לֶערְן דָאס אוּן חַזֶר דָאס, וַוייל דָאס אִיז אַ פוּנְדַאמֶענְט פַאר אוּנְזֶער לֶעבְּן.

בְּרוּדֶער, מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת קֶען מֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַז מֶען זוּכְט אִין זִיךְ גוּטְס, מֶען טְרֶעפְט אַ מְעַט וָואס מֶען אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט - "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע", דַאן וֶוערְט מֶען אַ צַדִּיק - "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ".

...

**אוֹיבּ מֶען וֶועט זַיין שְׁטַארְק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוּס פוּן דַיין זוּן הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, עֶר דַאוֶוענְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גוּטֶע מִידוֹת. אִיךְ הָאף עֶר אִיז אוֹיךְ צוּפְרִידְן, וַוייל מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן צוּ הָאבְּן אַזַא טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה.

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בַּאנוּץ זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דִי עֵצָה אִיז אַ גְרִינְגֶע עֵצָה. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קא): "אַף עַל פִּי שֶׁנִּמְצָאִים כַּמָּה עֵצוֹת טוֹבוֹת בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה", עֶס אִיז דָא אַסַאךְ עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְן אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, "אַף עַל פִּי כֵן, עַל פִּי רֹב קָשֶׁה לְהָאָדָם לְקַיֵּם הָעֵצָה בְּעַצְמָהּ", מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז שְׁוֶוער פַארְ'ן מֶענְטְשׁ מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי עֵצוֹת, "עַל כֵּן הָעִקָּר הוּא תְּפִלּוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה", דֶערִיבֶּער אִיז דֶער עִיקָר צוּ בֶּעטְן, דַאוֶוענֶען אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁיּוֹצִיא אוֹתוֹ מֵחֹשֶׁךְ לְאוֹר", עֶר זָאל מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן טוּנְקְלְקֵייט צוּ לִיכְטִיגְקֵייט, "וִיַחֲזִירֵהוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת", אוּן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס מֶען בֶּעט אוּן מֶען שְׁרֵייט, "וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מְאֹד מְאֹד", אוּן מֶען אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט; אוֹיבּ מֶען וֶועט זַיין שְׁטַארְק, מֶען וֶועט נִישְׁט אָפְּלָאזְן, "בְּוַדַּאי סוֹף כָּל סוֹף

יַעֲנֵהוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, "בְּלִי סָפֵק, רַק חֲזַק וֶאֱמָץ".

...

## רֶעד מִיט אַלֶעמֶען דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, מִיט אִידְן אוּן לְהַבְדִיל מִיט גוֹיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אַלֶעמֶען דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, מִיט אִידְן אוּן לְהַבְדִיל מִיט גוֹיִם; וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט לִיכְטִיג, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאלְן אַוֶועק.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל רֶעדְן דִבּוּרֵי אֱמוּנָה אֲפִילוּ מִיט גוֹיִם; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָאס אִיז אַן עֵצָה וֶוען מֶען דַארְף טוֹבוֹת פוּן זֵיי זָאל מֶען זֵיי זָאגְן אִין זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ: "יְבָרֶכְךָ ה'" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ בֶּענְטְשְׁן; דֶעמָאלְט וֶוערְן זֵיי בָּטֵל וּמְבוּטָל, זֵיי טוּעֶן אַלֶעס וָואס מֶען בֶּעט זֵיי.

אִיךְ אַלֵיינְס הָאבּ דָאס גֶעהַאט צֶענְדְלִיגֶער מָאל, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע טוֹבוֹת אוּן נָאכְן מַזְכִּיר זַיין שֵׁם שָׁמַיִם, נָאכְן זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן.

אַז דוּ ווִילְסְט מַצְלִיחַ זַיין - זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין אַלֶעס בִּקְדוּשָׁה. גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אַרְבֶּעטֶערְס וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה פַארְטְרַייבְּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה אוּן אַז מֶען פַארְטְרַייבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁטָא קַיין הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חוּמָשׁ רַשִׁ"י דַארְף זַיין דֶער עִיקָר לִימוּד, חוּמָשׁ רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ דוּרְכְגֶעבְּלִיקְט דִי בְּחִינָה אוֹיף דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ פוּן בְּנִי הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייעְט צוּ זֶען וִוי גוּט עֶר קֶען דִי פַּרְשָׁה חוּמָשׁ רַשִׁ"י כְּזָקֵן וְרָגִיל.

אִיךְ דַאנְק דִיר טַייעֶרער מְלַמֵּד פַארְ'ן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי קְלָאר דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ. חוּמָשׁ רַשִׁ"י דַארְף זַיין דֶער עִיקָר לִימוּד, חוּמָשׁ רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַלְס קִינְד: "קִינְדֶערְלֶעךְ פִילֶעוֶועט עֶנְק מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י, וֶועט אִיר וִויסְן וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ".

אִיךְ פָאר הַיינְט קַיין אֵיירָאפֶּע צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים מִתְפַּלֵל זַיין, מִיר פָארְן קַיין אוּהֶעל צוּם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, קַיין קַאלוּב, קֶערֶעסְטִיר וְעוֹד; אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר אַלֶע דַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

## נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט קַיין נוּצְן פוּן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו בְּכֹבֶד רֹאשׁ, עֶס הָאט מִיר גֶעצִיפְּט בַּיים הַארְץ הֶערְנְדִיג וָואס דוּ בִּיסְט אַלְץ אַרִיבֶּער, פוּן דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז

שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי, יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה", אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "אִם הָיָה זוֹכֵר כָּל מַה שֶּׁעָבַר לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְהָרִים אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּשׁוּם אֹפֶן", אוֹיבּ וָואלְט מֶען גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְהֵייבְּן טוּן גוּטֶע זַאכְן, "גַּם הָיוּ מְבַלְבְּלִים אֶת הָאָדָם מְאֹד כָּל הַדְּבָרִים שֶׁעוֹבְרִים עָלָיו", אוֹיךְ וָואלְט מֶען גֶעוָוארְן גֶעשְׁטֶערְט פוּן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער, "אֲבָל עַכְשָׁו עַל יְדֵי הַשִּׁכְחָה נִשְׁכָּח מַה שֶּׁעָבַר", אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, מֶען פַארְגֶעסְט - פַארְגֶעסְט מֶען דִי אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל, דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז: הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, שְׁלֶעפּ נִישְׁט דַיין עָבַר, הַרְגֶ'ע זִיךְ נִישְׁט מִיט אַלְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט דִיר בַּא'עַוולְה'ט אָדֶער זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט יֶענֶעם בַּא'עַוולְה'ט, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט קַיין נוּצְן פוּן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "וְאֶצְלוֹ הַדֶּרֶךְ, שֶׁכָּל מַה שֶּׁעָבַר וְהָלַךְ, נִפְסָק וְהוֹלֵךְ לַחֲלוּטִין, וְאֵינוֹ חוֹזֵר בְּדַעְתּוֹ עוֹד כְּלָל", בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט אַלְטֶע זַאכְן, אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען הָאט מֶען מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט אוּן גֶעטְרַאכְט, "וְאֵינוֹ מְבַלְבֵּל כְּלָל עַצְמוֹ עוֹד בַּמֶּה שֶּׁכְּבָר עָבַר וְהָלַךְ".

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אֲפִילוּ נָאר צוּ לֵיינֶען וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, מֶען הָאט דִיר גֶעפַּיינִיגְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; יֶעצְט אִיז צַייט זִיךְ צוּ רוּקְן פָארְאוֹיס אִין לֶעבְּן, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זִיךְ בֶּעסֶער מַאכְן; דָאס קֶען נָאר גֶעשֶׁען מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אוּן זִיךְ כְּסֵדֶר מְחַדֵּשׁ זַיין.

אִיךְ לֵיין אַלֶע דַיינֶע בְּרִיוו, שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַפָּאר הַנְהָגוֹת פַאר דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

יֶעצְט קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר הַנְהָגוֹת:

- מִיר פִירְן זִיךְ אָנְצוּטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת (שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע) בֶּעפָארְן צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, מֶען בְּלַייבְּט זִיצְן מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה אָדֶער מֶער - וָואס מֶען זִיצְט בַּיי דִי לִיכְט.
- מִיר צִינְדְן נִישְׁט בַּיים פֶּענְסְטֶער ווייל הַיינְט אִיז דִי עִיקָר פִּרְסוּמֵי נִיסָּא אִין שְׁטוּב; מִיר צִינְדְן בַּיי אַ טִיר, בַּיי דִי לִינְקֶע זַייט.
- עֶס אִיז כְּדַאי צוּ כַאפְּן אַ טְבִילָה בֶּעפָארְ'ן צִינְדְן, אָבֶער דָאס קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס צִינְדְן.
- עֶרֶב שַׁבָּת חֲנוּכָּה צִינְדְט דֶער מַאן אָן קוֹדֶם דִי מְנוֹרָה אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם צִינְדְט דִי וַוייבּ דִי שַׁבָּת לִיכְט.
- מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲנוּכָּה מַאכְט מֶען קוֹדֶם הַבְדָּלָה אוּן נָאכְדֶעם צִינְדְט מֶען אָן דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט.
- מֶען דַארְף זַיין אִין שְׁטוּב אַלֶע נֶעכְט חֲנוּכָּה צַייטְלִיךְ, אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, אִין הֲפָצָה - דַארְפְן אַלֶעס אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן אַהֵיים גֵיין צִינְדְן אִין צַייט, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.
- חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן "לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל", מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים.
- ...

**די גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן אִיז אֵיין שְׁטִיק מְסִירוּת נֶפֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דַיין וַוייבּ נֶעמְט צוּזַאם נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

בֶּאֱמֶת דַארְפְן פְרוֹיעֶן אַסַאךְ מֶער חִיזוּק וִוי די מֶענֶער. די פְרוֹיעֶן זֶענֶען מִיט די קִינְדֶער טָאג אוּן נַאכְט, נַאכְט אוּן טָאג - אָן אַ הֶפְסֵק, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק מְסִירוּת נֶפֶשׁ. די פְרוֹיעֶן זָאגְן אַז די צַאמְקוּם - דָאס גֶעבְּט זֵיי כֹּחַ, זֵיי קוּקְן אַרוֹיס אוֹיף דֶעם; זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פְרִישׁ, אָנְגֶעפִילְט מִיט כֹּחַ וַוייטֶער צוּ טוּן די שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ, זָאל זִי ווִיסְן אַז זִי הָאט אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת וִוי מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יֶעצְט דְרֵיידְט זִיךְ אִיבֶּער די וֶועלְט מִיט אַ נֵייעֶס, מֶען הָאט מְפַנֶּה גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁע נִפְטָר פוּן מָארָאקָא, עֶר אִיז אַוֶועק בַּאלְד צְוֵויי יָאר צוּרִיק, דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרָאגְן נִפְטָרִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט מֶען אִים בַּאעֶרְדִיגְט אִין מָארָאקָא אוּן יֶעצְט הָאט מֶען אִים אַרוֹיפְגֶעטְרָאגְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. די חֶבְרָה קַדִישָׁא זֶענֶען צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ אַזֶעלְכֶע זַאכְן, מֶען בַּאעֶרְדִיגְט די בֵּיינֶער, לְמַעֲשֶׂה וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט די אָרוֹן הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט יֶעצְט אַוֶועק.

דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלִיחַ חַבַּ״ד, עֶר הָאט מְזַכֶּה גֶעוֶוען אִידְן אִין מָארָאקָא. די גוּף זַיינֶע אִיז גֶעוֶוען פְרִישׁ, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט נִפְטָר גֶעוָוארְן נֶעכְטְן.

דָאס אִיז אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם, צוּ זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים; זֵייעֶר גוּף בְּלַייבְּט פְרִישׁ. די וָואס טוּעֶן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, זֵיי זֶענֶען מְחַזֵק אִידְן, בְּרֶענְגֶען זֵיי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - די בְּלַייבְּן גַאנְץ.

...

## מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אָפְּגֶעלִיטְן צָרוֹת צְרוּרוֹת אוּן דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בִּילְד וָואס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ; אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ אַפָּאר טֶעג פַאר'ן הִסְתַּלְּקוּת אִין שְׁפִּיטָאל אוֹיפְ'ן בֶּעטְל, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעפַּאטְשְׁט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַּאטְשׁ אַז אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט".

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דָאס בִּילְד לוֹיפְט מִיר נָאךְ. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלִיטְן אִין זַיין לֶעבְּן צָרוֹת צְרוּרוֹת אוּן דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה, נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר גֶעטוּן פַאר דִי אֱמוּנָה; אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין אוּנְז אוּן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר וֶועלְן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אוֹיךְ קֶענֶען פַּאטְשְׁן אוּן שְׁמֵייכְלֶען, זַיין אֱמֶת'דִיג אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, בֶּעט אִים: "קָרְבֵנוּ לַעֲבוֹדָתֶיךָ, הַט לִבִּי לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ", בֶּעט אִין אִידִישׁ: "טַאטֶע אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, הֶעלְף מִיר".

עֶס אִיז דָאךְ אַ מְחַיֶּה דָאס לֶעבְּן וֶוען מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת.

...

## נִישְׁט פַארְפֶעלְט קַיין אֵיין טָאג מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּעֶרְטִי**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין הִימְל אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים; אִיךְ גֵיי בֶּעטְן פַאר אוּנְז אַלֶע אוּן פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ.

אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן, אִיךְ הֶער גָאר גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף דִיר, הֶערְלִיכֶע זַאכְן; דַיין לֶערְנֶען, דַיין דַאוֶונֶען וְיִרְאַת שָׁמַיִם; אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ הָאף צוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל דִי וָואךְ שַׁבָּת מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ טֵבֵת, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ זֶען דַיין בְּרִיוו פוּן מִקְוֶה; אַז זַייט דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אַ שְׁמוּעֶס צְוֵויי יָאר צוּרִיק בַּיי קָארָאנֶע וֶועגְן מִקְוֶה, ווִי ווִיכְטִיג מִקְוֶה אִיז - הָאסְטוּ נִישְׁט פַארְפֶעלְט קַיין אֵיין טָאג מִקְוֶה.

...

## פְרֶעגְן יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּעֶרְטִי**

בִּנוֹגֵעַ בָּאדְן וְכוּ'; דַיין זוּן וֶוערְט שׁוֹין גְרוֹיס, אִיז בֶּעסֶער אִים צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ נֶעמֶען אַ שׁוֹיעֶר.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ פְרֶעגְסְט יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן נַחַת דִקְדֻשָּׁה.

...

## מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן שֵׂכֶל אוֹיךְ צוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אַזוֹי וִוי אִיר הָאט אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער אִין סְקוּל, אִיר זֶענְט אַ גֶעטְרֵייעֶ מְחַנֶּכֶת, אִיר הָאט סַבְלָנוּת צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ, אִיר וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען אַ מֵיידל לַאכְט, שְׁמֵייכְלְט, שְׁטֶעקְט אַרוֹיס דִי צוּנְג וְכַדוֹמֶה; נָאךְ מֶער סַבְלָנוּת אוּן וַוארֶעמְקֵייט דַארְף מֶען הָאבְּן צוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע.

פַארְוָואס זָאג אִיךְ אַייךְ דָאס?

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ מַאכְן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע צַאמְקוּם פַאר דִי טֵייעֶרֶע פְרוֹיעֶן, נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אִין אָנְהֵייב וֶוען דִי שְׁטֶעטְל אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין, גֶעצֵיילְטֶע מִשְׁפָּחוֹת - אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ מְחַיֶ׳, אַזוֹי וִוי דִי שְׁפְּרִיךְ וָוארְט גֵייט: "וִוי קְלֶענֶער דֶער עוֹלָם - אַלְץ גְרֶעסֶער דִי שִׂמְחָה"; מֶען אִיז גֶעזִיצְן אִינְאֵיינֶעם דִי פָּאר פְרוֹיעֶן, מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט, מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן תְּפִלָּה, פוּן צַדִּיקִים. יֶעצְט אִיז דִי שְׁטֶעטְל זִיךְ אַבִּיסְל צוּאוַואקְסְן אִיז אַייךְ שְׁוֶוער צוּ הַאלְטְן שְׁטִיל דִי פְרוֹיעֶן אוּן הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיר נֶעמְט דִי מֵייק אוּן אִיר בֶּעט מֶען זָאל זַיין שְׁטִיל.

זָאלְט אִיר נִישְׁט נֶעמֶען גַארְנִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס; יֶעדֶער אִיז גוּט, יֶעדֶער אִיז ווּאוּיל; מֶען דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן שֵׂכֶל צוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וִוי צוּ קִינְדֶער.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, זַייט יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵּק; אַלֶע דַארְפְן אַ גוּט וָוארְט, אַלֶע דַארְפְן אַ שְׁמֵייכְל. דֶער וָואס גֶעדֶענְקְט צוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, מַאכְט יֶעדְן גוּט שְׁפִּירְן - בַּאקוּמְט אַ שְׁמֵייכְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס; מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אַן אַנְדֶערֶער שְׁפִּירְט נִישְׁט.

...

### זֶע צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין שְׁטוּבּ צוּ צִינְדְן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמְט יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה", חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא.

דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן פוּן הַיינְט, פוּנְדָאסְנַיי - דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

זֶע צוּ זַיין צַייטְלִיךְ, בַּיים זְמַן הַדְלָקָה - אִין שְׁטוּבּ, זֶעקְס אַזֵייגֶער אִיז דֶער זְמַן. מַאךְ זִיךְ גְרֵייט דוּ זָאלְסְט קֶענֶען זַיין צַייטְלִיךְ.

צִינְד דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה, זִינְג זְמִירוֹת אוּן זָאג: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ אַ מִשְׁפָּחָה, שְׁכֹּחַ פַאר יֶעדֶע זַאךְ"; דַאנְק אוּן לוֹיבּ אָן אַ שִׁיעוּר, דָאס וֶועט עֶפֶענֶען אַ טִיר אִין הִימְל, עֶס וֶועט קוּמֶען נָאךְ נִיסִים, נָאךְ יְשׁוּעוֹת.

אַ יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעהָאלְפְן פַאר דִי נְסִיעָה; אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

...

### אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער תַּלְמִיד הָרַב הַגָּאוֹן ר' ... שְׁלִיטָ"א, דַיָּין דִקְהִילָּתֵינוּ**

הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה' אוֹיף דִי בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אַז מַעֲלַת כְּבוֹדוֹ הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז פַאר מִיר פְּרִיוָואט אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה בִּכְלָל אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

גְלַייךְ נָאךְ שַׁבָּת הָאבְּן גֶערוּפְן דִי אִינְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם שֵׁיינֶעם שַׁבָּת, פוּן דִי שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה, פוּן דִי וַוארֶעמְקֵייט אוּן פוּן דִי חִיזוּק.

אוֹיךְ הָאט מִיר מַיין זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר דֶערְצֵיילְט אַז דֶער דַיָּין אִיז

גֶעוֶועֶן קוּקְן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה ״מִקְוֶה מַלְכָּה״ אוּן דִי אוֹיסְדְרוּקְן פוּנֶעם דַיְין זֶענֶען אַז דָאס אִיז אַ מִקְוֶה ״לְמְהַדְרִין מִן הַמְּהַדְּרִין, כָּשֵׁר בְּתַכְלִית הַכַּשְׁרוּת״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וְסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא צוּ פִירְן דִי קְהִילָּה אוּן מַצְלִיחַ זַיין בְּכָל עִנְיָנִים.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר דִיר; יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל.

...

**לֶערְנְט דִי כַּלּוֹת מִיט דִי וַוייבְּלֶעךְ דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּבֶ׳ע מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין הִימְל הֶעכֶער דִי וָואלְקֶענֶעס, אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים. אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַלֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן תַּלְמִידוֹת.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן, וֶוערְן אִיר גֶעבְּט שִׁיעוּרִים פַאר כַּלּוֹת אוּן וַוייבְּלֶעךְ, זָאלְט אִיר זֵיי זָאגְן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן וֶועגְן נֶעי״ל פַּאלִי״שׁ, מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְקֶעגְן. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעשׁוֹינְט, וֶוען פְרוֹיעֶן הָאבְן גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיבּ זֵיי מֶעגְן לֵייגְן נֶעי״ל פַּאלִי״שׁ אִיז מוֹהֲרָא״שׁ גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּקָאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַ שְׁטַארְקֶע נֵיין.

אֲפִילּוּ דִי פְרוֹיעֶן וָואס מֶען קֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט זָאגְן אַלֶעס, מֶען דַארְף גֵיין מִיט זֵיי שְׁטַייטְלֶעךְ, בְּהַדְרָגָה; דִי פְרוֹיעֶן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זֵיי נִישְׁט זָאגְן אִין אָנְהֵייבּ ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן - אוֹיךְ זֵיי הָאט מוֹהֲרָא״שׁ שְׁטְרֶענְג גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט לֵייגְן. אֲפִילּוּ דִי קְלֶעי״ר (דִי דוּרְכְזִיכְטִיגֶע) אִיז אָסוּר, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ חֲצִיצָה, עֶס בְּרֶענְגְט צוּ גְרוֹיסֶע מִכְשׁוֹלוֹת.

לֶערְנְט דִי כַּלּוֹת מִיט דִי וַוייבְּלֶעךְ דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת, דָאס זִיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער. אֲפִילּוּ זֵיי מַאכְן זִיךְ שֵׁיין פַארְ׳ן מַאן וְכוּ׳ זָאלְן זֵיי זִיךְ שֵׁיין מַאכְן אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג. דִי וָואס לֶערְנֶען מִיט כַּלּוֹת זִיךְ אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן מִיט פְּרִיצוּת׳דִיגֶע בְּגָדִים - אִיז דִמְיוֹנוֹת; עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, עֶס מַאכְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אוּן עֶס מַאכְט נִישְׁט זַאט.

בְּנוֹגֵעַ דֶער גוֹי אִין סְקוּל ; אִיךְ זָאג נָאכְאַמָאל קְלָאר אוּן הוֹיךְ, אִיךְ הָאף מֶען וֶועט מִיר הֶערְן אוּן פָאלְגְן : "אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶס זָאל זַיין אַ גוֹי אִין סְקוּל אִין דִי שָׁעוֹת וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען דָארְט !" עֶנְדֶערְשׁ זָאל זַיין שְׁמוּצִיג, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְן, וִוי אֵיידֶער אַ גוֹי טָמֵא זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ.

...

## זִיצְן אִין דִי זַייט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ דַארְף אַייךְ שְׁרַייבְּן וִוי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אִיךְ בִּין פוּן אַייעֶר מַאן.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר פוּן עֶנְקֶער חֲתוּנָה, יֶעצְט קֶען מֶען זֶען וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז. דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטִיק צַייט פוּן דִי חֲתוּנָה אִיז בַּיי אַלֶעמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וַוארְט צוּ זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ בַּאלַאנְסִירְן. יֶעצְט זֶע אִיךְ אַייעֶר מַאן קוּמֶען אִין שׁוּל לֶערְנֶען, עֶר הָאט זַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, עֶר דַאוֶונְט עֶרְלִיךְ אוּן אַלֶע הָאבְּן הַנָאָה פוּן אִים, עֶר הֶעלְפְט דִי מוֹסָד אַזוֹי גֶעטְרֵיי. אִיךְ הַאלְט זֵייעֶר פוּן אִים, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, מִיר וֶוערְן אַלְץ נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, זָאלְט אִיר זִיצְן אִין דִי זַייט וֶוען אַייעֶר מַאן צִינְדְט אָן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זָאגְט : "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

אַייעֶר מַאן וֶועט זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת אוּן אִיר זָאלְט דֶעמָאלְט נָאר דַאנְקֶען ; רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאלְט אִיר זָאגְן בַּאזוּנְדֶער : "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר ..."

...

## פְּרוֹיעֶן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק אִינְאֵיינֶעם מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הֶער אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב קוּמֶען זִיךְ צָאם אִין דִי צַייט פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, שְׁכֵנִים; מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק, מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז מֶען טוּט דָאס, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן אוֹיף תְּפִלָּה אוּן אֱמוּנָה.

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי שְׁטֶעטְל, פְלֶעגְן דִי פְרוֹיעֶן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, דִינְסְטָאג נַאכְט; מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן תְּפִלָּה, אוֹיךְ יֶעדֶע וָואךְ הָאט גֶערֶעדְט אַ צְוֵייטֶע פְרוֹי, זִי הָאט דֶערְצֵיילְט אִיר סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת, אָדֶער אִירֶע שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת אוּן ווִי אַזוֹי זִי אִיז דָאס בֵּייגֶעקוּמֶען. צוּבִּיסְלִיךְ אִיז גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער מִשְׁפָּחוֹת, אִיז שׁוֹין שְׁוֶוער צוּ הַאלְטְן אַ גַאנְצֶע עוֹלָם שְׁטִיל.

עֶס אִיז דָא אַ פְרוֹי וָואס זִי אִיז זִיךְ מַמָּשׁ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, עֶס אִיז אִיר זְכוּת פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְ׳ן סוֹף, זִי פְּרוּבִּירְט עֶס זָאל זַיין מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, זִי פְּרוּבִּירְט צוּ הַאלְטְן דִי זַאךְ מְסוּדָר, מִיט אַ סֵדֶר. לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ דִי פְּרָאגְרַאם, דֶערִיבֶּער פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּב קוּמְט מֶען זִיךְ צוּזַאם רֶעדְן חִיזּוּק אוֹיף תְּפִלָּה.

שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז אַ צַייט וָואס אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, דִי צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס גֶעווּיסְט, הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעפִירְט מֶען זָאל זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן רֶעדְן פוּן הֵיילִיגֶע זַאכְן.

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ זִי זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין זִיךְ צַאמְנֶעמֶען מִיטְ׳ן צִיל צוּ דֶערְצֵיילְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן פוּן צַדִּיקִים וְכַדוֹמֶה.

אַז עֶס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף חִיזּוּק פַאר תְּפִלָּה אוּן סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים - וֶועט עֶס הָאבְּן אַ קִיוּם, עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען נָאר גוּטֶע זַאכְן.

הַלְוַואי זָאלְן דָאס אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן נָאכְמַאכְן.

...

### פִיר דִיךְ שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פְלִי יֶעצְט אִין דִי הִימְלֶען, אִיךְ פְלִי מִיט אַן עֶרָאפְּלַאן; מִיר זֶענֶען יֶעצְט אוֹיף אַ נְסִיעָה צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים מִיט אַ גְרוּפֶּע אִינְגֶעלַייט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ. דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, דוּ הָאסְט אַ נֵס; דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר, זִי זָאל זַיין בַּיי דִיר דָאס טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ, רֶעד צוּ אִיר וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג.

קוּם צוּ מִיר מִיט דַיין וַוייבּ, אִיךְ וִויל עֶנְק מַדְרִיךְ זַיין, עֶנְק לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן. בְּדֶרֶךְ כְּלַל נֶעם אִיךְ אוֹיף תַּלְמִידִים יֶעדְן זוּנְטָאג, זוּנְטָאג אַרְבֶּעטְן עֶנְק נִישְׁט, זָאלְט אִיר קוּמֶען.

עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק צוּ הָאבְּן הַדְרָכָה, עֶס נֶעמְט אַ שְׁטִיק צַייט בִּיז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פוּס.

רוּף מִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט קוּמֶען, פַאר דוּ קוּמְסְט.

...

### הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער אַיינְגֶעשְׁפָּארְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

פְרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ זִי קֶען צַאמְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ מִיט דִי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ, מַאכְן אַ גְרוּפֶּע וֶוער עֶס וִויל הֶעלְפְן בַּיי דִי וַוייבֶּער שׁוּל וֶוען עֶס אִיז דָא שִׂמְחוֹת.

בַּיי דִי מֶענֶער זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט מִיט בָּחוּרִים, מֶען אַרְבֶּעט אִינְאֵיינֶעם, אַלֶע צוּזַאמֶען, בְּהִתְנַדְּבוּת. קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט קַיין גֶעלְט, מֶען ווִיל זִיךְ הֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם.

בַּיי דִי פְרוּיעֶן טוּעֶן דָאס דִי מֵיידְלֶעךְ, אָבֶער צוּבִיסְלִיךְ הָאבְּן דִי מֵיידְלֶעךְ חֲתוּנָה, אוּיךְ זֶענֶען אַסַאךְ תַּלְמִידוֹת גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען אִין שְׁטֶעטְל סְקוּל, עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי הֶעלְפֶערְס וָואס הֶעלְפְן.

עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְן, דִי וָואךְ וֶועט זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דִי "דְרַייסִיגְסְטֶע!" חֲתוּנָה. מַאךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפָּארְט; דְרַייסִיג חֲתוּנוֹת אִיז אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן זֶעכְצִיג מְחוּתָּנִים'ס חֲתוּנָה - בְּחִנָּם, הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער אַיינְגֶעשְׁפָּארְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

נֶעכְטְן נַאכְט אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אַ שִׂמְחָה אִין יְשִׁיבָה בַּיי הַתַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, מִיט אַ תַּלְמִידָה פוּן סְקוּל; דִי גַאנְצֶע שִׁידוּךְ, פוּן אָנְהֵייב בִּיזְן סוֹף, לְחַיִּים-וָוארְט-תְּנָאִים - הָאט גֶעקָאסְט נִישְׁט מֶער פוּן נַיינְצִיג דָאלֶער, פַאר דִי בְּרֶעסְלֶעט.

פְרֶעג אִיךְ דִיר, אִיז דָאס נִישְׁט אַ וֵוייטָאג צוּ הֶערְן פוּן מֶענְטְשְׁן ווִי זֵיי וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת בַּיים שִׁידוּךְ טוּן...

פְרֶעג דַיין וַוייבּ אוֹיבּ דִי אִיז גְרֵייט.

...

**טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט מִיט עַזּוּת פָּנִים'עֶר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז אִיךְ לֵיין אַלֶע דַיינֶע בְּרִיוְון, אוּן דַיין וַוייבְּ'ס בְּרִיוְון; אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן מִיט דִי מוֹסְדוֹת. שְׁרַייבּ מִיר וַוייטֶער, דוּ בִּיסְט מִיר מְחַיֶּ' מִיט דַיינֶע בְּרִיוְון.

דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען בְּכָל יוֹם חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, זַיי שְׁטַארְק אִין דֶעם שִׁיעוּר; גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט זָאל דִיר שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג

אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ כֹּחַ צוּ טוּישְׁן דֶעם מֶענְטְשְׁן מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, מֶען וֶוערְט אַ נֵייעֶ בְּרִיָּ', אַ נֵייעֶר בַּאשֶׁעפֶענִישׁ. דִי מֹחַ וֶוערְט לוּיטֶער אוּן קְלָאר, דִי נִסְיוֹנוֹת וֶוערְן גְרִינְגֶער, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין.

טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, בִּפְרַט מִיט עַזּוּת פָּנִים'עֶר. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵּין לִקּוּטֵי אֲמָרִים תַּנְיָא, פֶּרֶק כח), אַז אֵיינֶער הָאט צוּטוּן מִיט אַ מְנֻוָּל, "הֲרֵי הוּא כָּמוֹהוּ", אִיז עֶר אַזוֹי וִוי יֶענֶעם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

גֵיי הַפָּצָה; וֶוער עֶס וִויל נֶעמֶען - זָאל נֶעמֶען אוּן וֶוער עֶס וִויל נִישְׁט נֶעמֶען - וֶועט שְׁפֶּעטֶער נֶעמֶען; בַּיי סוֹף וֶועלְן אַלֶע נֶעמֶען.

...

## דֶער בִּנְיָן וָואס דוּ הָאסְט מְנַדֵּב גֶעוֶוען, דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזֶען בִּילְדֶער פוּן דִי אַרְבֶּעט בַּיים בִּנְיָן הַתַּלְמוּד תּוֹרָה. אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זֶען וִוי דִי אַרְבֶּעט גֵייט שְׁנֶעלֶער וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, הָאסְט גֶענוּמֶען פַאר דִיר אַ גוּטְן מֶקַח. אַלֶע צְדָקוֹת זֶענֶען הֵיילִיג, אַלֶע צְדָקוֹת זֶענֶען וִויכְטִיג, אָבֶער דוּ הָאסְט גֶעכַאפְּט אַ גוּטֶער בֵּיינְדְל, אַ גְרוֹיסֶער מוֹצִיא; דִי זְכוּת פוּן תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן - דָאס אִיז הֶעכֶער אַלֶעס!

דֶער בִּנְיָן וָואס דוּ הָאסְט מְנַדֵּב גֶעוֶוען מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן - דָאס הָאסְטוּ, דָאס אִיז דַיינְס, דָאס וֶועסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אוּן וֶוער עֶס הֶעלְפְט קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ לֶערְנֶען, זָאלְן הָאבְּן עֶסְן, עֶס זָאלְן זַיין מְלַמְּדִים - דֶער אִינְוֶועסְטִירְט אִין גוּטֶע פְּלֶעצֶער.

אִיךְ בִּין דִיר מְקַנֵא מִיט דֶעם.

...

## אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ לוֹיפְט בְּעֵת צָרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פוּן אַ נְסִיעָה, מִיר זֶענֶען גֶעפָאֹרְן מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים. אִיךְ זִיץ יֶעצְט אִין עֶירְפָּארְט, אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל צַייט, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיבְן אִין הִימְל קוּקְט מֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ. דָא קוּקְט מֶען וֶוער עֶס הָאט גֶעלְט, וֶוער עֶס הָאט כָּבוֹד, וֶוער עֶס הָאט אַ פַּאלַאץ, אַ טַייעֶרֶע קַאר וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דִי זַאכְן, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, אוֹיבְן קוּקְט מֶען וֶוער עֶס דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען קוּקְט צוּ וֶועם לוֹיפְט דֶער מֶענְטְשׁ בְּעֵת צָרָה; דֶער וָואס אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, דֶער וָואס פַּארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב.

אוֹיךְ אִיז חָשׁוּב יֶעדֶע מִצְוָה, יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה, בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז פַּארְיָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן מֶען כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא, אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִים - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב.

עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען זֶעט דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה וּתְפִלָה, דֶעמָאלְט בְּלַייבְּט נָאר דָאס אִיבֶּער.

יֶעצְט קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען חַזֶר'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאףּ דוּ גֶעבְּעסְט אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'. נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו וִוי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף אַ וַוייבּ, אִיךְ הָאף דוּ חַזֶר'סְט דִי בְּרִיוו. וָואלְסְט וֶוען גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן, דָאס צַאמְבִּינְדְן אוּן דָאס חַזֶר'ן כָאטְשִׁיג אֵיינְמָאל אַ וָואךְ.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַזֶעלְכֶע וִויכְטִיגֶע זַאכְן; עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חִידוּשִׁים, עֶס שְׁטֵייעֶן אִין דִי בְּרִיוו פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן, אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי אַלֶע בְּרִיוו וָואס רֶעדְן זִיךְ פוּן שָׁלוֹם בַּיִת; וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דִי וַוייבּ, וִוי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף אִיר, נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אִיר מִשְׁפָּחָה, אִיר לָאזְן גֵיין צוּ מִשְׁפָּחָה, אִיר לָאזְן קוֹיפְן קְלֵיידֶער, נִישְׁט זַיין קֵיין קַמְצָן, גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער - דָאס אַלֶעס זֶענֶען זֵייעֶר פָּשׁוּטְ'עֶ זַאכְן. עֶס זֶעט אוֹיס קִינְדִישׁ, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן פוּן דִי בְּרִיוו, אָבֶער דֶער מְצִיאוּת וַוייזְט אַז מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט, אָדֶער כַאפְּט מֶען זִיךְ נִישְׁט וִוי וִויכְטִיג דָאס אִיז; הַלְוַואי זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן אַלֶע בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ.

דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל אַ מַתָּנָה, אַזַא אֵשֶׁת חַיִל, זִי אִיז דִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי - דַארְפְסְטוּ אִיר מְכַבֵּד זַיין, רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג צוּ אִיר. זִי אִיז זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶע, בִּבְחִינַת בַּת מֶלֶךְ, וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג.

טְרָאג אִיר וואוּ זִי ווִיל גֵיין, נֶעם אִיר אַרַיין אִין שְׁטָאט צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אוּן צוּ אַיינְקוֹיפְן. נִישְׁטָא קֵיין וִויכְטִיגֶערֶע זַאךְ וִוי שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל וֶוען עֶס אִיז (שְׁמוּאֵל-א כה, ו): "אַתָּה שָׁלוֹם וּבֵיתְךָ שָׁלוֹם", דֶעמָאלְט אִיז: "וְכָל אֲשֶׁר לְךָ שָׁלוֹם"; אַלֶעס אִיז גַאנְץ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת.

...

## טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת הַמְתּוּרְגָּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ אַפָּאר מִינוּט אִין עֶירְפָּארְט וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

ווִיסְן זָאלְסְט, נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דַיינֶע זְכוּתִים אוּן דִי זְכוּתִים פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דִי זַאךְ פוּן הֲפָצָה, וָואס דָאס אִיז מְקָרֵב אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת הַמְתּוּרְגָּם. אִיךְ קוּק דָאס אִיבֶּער יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ ווִיל זֶען אוֹיבּ עֶס גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי מְכֻוָּן, בְּשְׁעַת אִיךְ קוּק דָאס דוּרְךְ וֶוער אִיךְ אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי שֵׁיינֶע לָשׁוֹן, דִי שֵׁיינֶע חִיזוּק.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, חֲזַק וֶאֱמָץ וֶאֱחֹז עַצְמְךָ בְּכָל כֹּחֲךָ! זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ דַאוֶוענְ פַאר עֶנְק, פַאר דִיר אוּן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין. אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר דִיר בַּיי אַלֶע מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה פוּן עֶנְקֶער חֲבוּרָה, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם; אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט. ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן דוּ ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ עֶנְק לִיבּ בְּאַהֲבַת נֶפֶשׁ. אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק יֶעצְט קוּמֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ ... אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אִין שׁוּל, אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט צוּ קְלֵיין.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער, אַלֶע בִּלְבּוּלִים וַחֲלִישַׁת הַדַעַת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ. אַלֶע וָואס טוּעֶן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף זַיי נִישְׁט, אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי׳ן גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי זַאכְן; ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס קוּמְט דָאס אִיבֶּער, עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אַלֶעס.

אִיךְ מוּז מְקַצֵר זַיין, דִי אִינְגֶעלַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייעֶן שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן פְּלִיגֶער.

זַיי גֶעזוּנְט, לָאז אַלֶעמֶען גְרִיסְן.

יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל

...

### דִי סֵדֶר הַנְסִיעָה אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים אִין אֵייְרָאפֶּע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵשֶׁב, כ׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּרִיק פוּן אַ נְסִיעָה. חַסְדֵי הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אַ קְבוּצָה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה. אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר דִיר.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג, אִיךְ הָאף אַז דוּ נוּצְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, דִי זִיסֶע עֵצָה פוּן זוּכְן גוּטְס אִין זִיךְ אוּן אִין אַ צְוֵוייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב) אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ פוּל מִיט חֶסְרוֹנוֹת, מֶען זֶעט זִיךְ שְׁלֶעכְט, מֶען אִיז פוּל מִיט תַּאֲווֹת רָעוֹת - מוּז מֶען זוּכְן אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס אוּן מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן מִיט דִי פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דֶערִיבֶּער וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל דִי סֵדֶר הַנְסִיעָה.

מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן זוּנְטָאג נָאכְמִיטָאג פוּן נוּאַרְק צוּזַאמֶען פִינְף אוּן דְרַייסִיג מֶענְטְשְׁן; אַפָּאר בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה מִיט אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. אוֹיפְ׳ן וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין וִויעֶן מָאנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי, מִיר זֶענֶען צוּגֶעפָארְן צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעכַאפְּט אַ טְבִילָה, דָארְט הָאבְּן מִיר

זִיךְ בַּאגֶעגְנְט מִיט נָאךְ חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, גְרוֹיסֶע מֵפִּיצִים.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְונְט, אִיךְ הָאבּ גֶעלַיינְט, עוֹלָה גֶעוֶוען לַתּוֹרָה אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁט גוֹמֵל. מֶען הָאט גֶעגֶעסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אוּנְגַארְן.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם דֶעם "יוֹם רִאשׁוֹן" פוּן תְּהִלִּים, גֶעזִינְגֶען נִגּוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען. הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע נֶעמֶען פוּן דִי וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר אַלֶעמֶען, פַאר דִיר אוֹיךְ, דַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דִי קְוִויטְלֶעךְ.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוְונְט מִנְחָה אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף אַ לַאנְגֶע נְסִיעָה, זִיבְּן שָׁעָה זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ בַּאקְוֶועמֶע בָּאס, רוֹב וֶועג, פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ פַארְבְּרֶענְגְט מִיט דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע חֲבֵרִים, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן רֶבִּי'ן. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט גֶעוִויסֶע פּוּנְקְטְן וָואס מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין אוֹהֶעל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען קוֹדֶם דַאוְונֶען מַעֲרִיב, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ מִקְוֶה הָאט מִיר אָנְגֶעכַאפְּט אַ חֵשֶׁק זִיךְ צוּ טוֹבֵל'ן. הֲגַם אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִינְדֶערְפְרִי אִין מִקְוֶה, אָבֶּער אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד גְלוֹסְט זִיךְ וִוי מֶער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּרִיט מַיינֶע פִיס, עֶס אִיז גֶעוֶוען קָאכֶעדִיג הֵייס, סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אִיךְ בִּין אַרוֹיס מִיט אַ נֵס.

מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם "יוֹם שֵׁנִי" פוּן תְּהִלִּים אוּן מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען דֶעם "אַהֲבָה רַבָּה" נִיגוּן פוּן רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע רִימְנוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן

עָלֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת, אִיךְ הָאב גֶעהַאט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעעֶפְנְט מַיין הַארְץ, אִיךְ הָאב גֶעהַאט אַפָּאר מִינוּט גוּטֶע הִתְבּוֹדְדוּת, אוֹיךְ דָארְט הָאב אִיךְ פָארְגֶעלֵיינְט אַלֶע נֶעמֶען פוּן אַלֶע קְוִויטְלֶעךְ.

אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן דָארְט הָאב אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גוּט שְׁפִּירְן. דַארְפְּסְט פַארְשְׁטֵיין, נָאכְן פָארְן אַזוֹיפִיל שָׁעוֹת וֶוערְט מֶען צֶעטוּמְלְט, אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, מֶען קֶען זָאגְן אַפָּאר אֱמֶתְ׳עֶ דִיבּוּרִים פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְקְרֶעכְצְן אוּן לָאזְן אַ טְרֶער - דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט עֶפֶּעס מֶער.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין לִיסְקֶע צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע לִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה, אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם תִּיקוּן חֲצוֹת; תִּיקוּן רָחֵל אוּן תִּיקוּן לֵאָה, מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אִידִישֶׁע תְּפִילוֹת אִינְאֵיינֶעם. מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַייזִיקְל קַאלוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ:

"גָלוּת גָלוּת, וִוי גְרוֹיס בִּיסְטוּ - שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, וִוי שֵׁיין בִּיסְטוּ.

וָואלְט דֶער גָלוּת קְלֶענֶער גֶעוֶוען - וָואלְט דִי שְׁכִינָה שֶׁענֶער גֶעוֶוען".

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת, צוּבִּיסְלִיךְ זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין קֶערֶעסְטִיר, מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְכַאפְּט דָאס הַארְץ, עֶס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה, מִיר הָאבְּן דָארְט גֶענֶעכְטִיגְט.

דִינְסְטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶע׳טוֹבֵל׳ט אִין מִקְוֶה אוּן גֶעדַאוֶונְט, גֶעגֶעסְן פַּת שַׁחֲרִית אוּן אַרוֹיף צוּם צִיוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְי׳לֶע מִקֶּערֶעסְטִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, "יוֹם שְׁלִישִׁי", נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען נִגּוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאב גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר דָארְט. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, אִיךְ

וָואלְט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ בֶּעטְן פַאר דִיר, נָאר הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דַיין נָאמֶען מִיט נָאךְ אַסַאךְ נֶעמֶען, דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת.

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר פוּן קִרְיַת בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעמַאכְט אַן אַפִּיל, מֶען הָאט צַאמְגֶענוּמֶען צְדָקָה פַארְ'ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, פַאר נִצְרָכִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

פוּן קֶערֶעסְטִיר זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין מַאד, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעהַאט שִׂיחוֹת חֲבֵרִים מִיט דִי חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן פוּן חוּץ לָאָרֶץ.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אַבִּיסְל אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן דִי נְסִיעָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי כֹּחוֹת זִיךְ מְצַמְצֵם זַיין צוּ שְׁרַייבְּן וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט, הַלְוַואי זָאלְן דִי אִינְגֶעלַייט דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן; מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׂיחוֹת וְסִפּוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"ש אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם קוֹל אַרְיֵ' זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים" פָּסוּק בַּפָּסוּק בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם לְבוּשֵׁי מָרְדְּכַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לִיד:

"אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד - אִיךְ וִויל זַיין אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד,

וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אִיז זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת".

מֶען הָאט דָאס גֶעזִינְגֶען מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין קַאלוּב, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם שִׁיעוּר גְמָרָא, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וְוי אַזוֹי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקַּאלוּב, מֶען הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב) חֲנוּכָּה אִיז טֶעג פוּן הוֹדָאָה; דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן וֶוערְט גוּט אוּן זִיס וֶוען מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיים צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקַּאלוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאבְּן מִיר גֶעזֶען דִי טִיטְל וָואס מֶען הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דִי מַצֵּבָה: "הָנָ' עֶרְלִיכֶער אִיד, וְהָנָ' לוֹמֵד גְּמָרָא עַל הָדַף".

מֶען הָאט גֶעזָאגְט דָארְט דִי סוֹף פוּנֶעם יוֹם תְּהִלִּים, "יוֹם רְבִיעִי", מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען אַ נִיגוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִקַּאלוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֶעדַאוְונְט מִנְחָה אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין רוּמֶעניֶע.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט, נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיטְ'ן בַּאצָאלְן חוֹבוֹת.

דִי וֶועג קַיין רוּמֶעניֶע אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל שְׁוֶוער, מֶען הָאט אוּנְז אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בַּיים גְרֶענִיץ אַפָּאר שָׁעָה, מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעטֶער ווִי גֶעפְּלַאנְט קַיין סִיגוּט.

אִין סִיגוּט הָאט קְהִלַּת סַאטְמַאר גֶעבּוֹיט אַ הֶערְלִיכֶע בִּנְיָן, אַ מִקְוֶה, אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - מִיט אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, דוּ מֵיינְסְט מַמָּשׁ אַז דוּ בִּיסְט אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אָדֶער מָאנְרָא. מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעגֶעסְן, גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן יֵיטֶב לֵב, קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב אוּן עֲצֵי חַיִּים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם תִּיקּוּן חֲצוֹת, דָארְט בַּיים צִיּוּן, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, "יוֹם חֲמִישִׁי".

לְכַתְּחִלָּה הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אִין פְּלַאן צוּ פָּארְן קַיין קַארְלְסְבּוּרְג צוּם מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶּער אַ טֵייל עוֹלָם הָאבְּן זִיךְ מַמָּשׁ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אָפְּשְׁטֶעלְן דִי נְסִיעָה, עֶס אִיז גֶעוָוארְן חִלּוּקֵי דֵעוֹת, אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט מֶען זָאל גְלַייךְ פָּארְן קַיין קַארְלְסְבּוּרְג, אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אוֹיב מֶען פָּארְט וַוייטֶער שְׁפִּירְן זֵיי אַז דָאס וֶועט זֵיי צוּטְרֶעטְן צוּם מֹחַ, עֶס אִיז נִישְׁט פַאר זֵייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ פָּארְן יֶעצְט בַּיינַאכְט אַ נְסִיעָה פוּן זֶעקְס שָׁעָה.

אִיךְ הָאב גֶעהַאט גְרוֹיס חֵשֶׁק צוּ פָּארְן קַיין קַארְלְסְבּוּרְג, דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן בִּכְלַל קַיין רוּמֶעניֶע אִיז נָאר גֶעוֶוען אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין קַיין קַארְלְסְבּוּרְג, דָאךְ הָאב אִיךְ זִיךְ גֶעמוּזְט רֶעכֶענֶען מִיט דִי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע אִידְן, מֶען הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי נְסִיעָה אוּן מֶען הָאט זִיךְ

אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַּאר דְרֵיי שָׁעָה, פוּן דְרֵיי אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס בִּיז זֶעקְס אַזֵייגֶער.

מֶען הָאט גֶעדַאוֶועֶנְט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין קְלוֹיזְנְבּוּרְג, אַ וֶועג פוּן פִיר שָׁעָה, אוֹיפְ׳ן וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם דַף גְמָרָא. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִין אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעבַּאקְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אֲפִילוּ מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְס, צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעפָּארְן - דָאךְ אִיז מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיפְ׳ן בְּלַאט גְמָרָא.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין טַייעֶרער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי׳ן; וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען, וִוי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק? דָאס הַאלְט אוּנְז בַּיים לֶעבְּן, דָאס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִלָּה - אִיז מֶען גָאר גְלִיקְלִיךְ.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין אָן אִין קְלוֹיזְנְבּוּרְג עֶירְפָּארְט, מִיר פָּארְן פוּן דָארְט קַיין וַוארְשָׁא אוּן פוּן דָארְט פָּארְן מִיר אַהֵיים קַיין נְיוּ יָארְק; מִיר וֶועלְן אָנְקוּמֶען אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מִיטְוָואךְ נַאכְט.

מָארְגְן וֶועט נִישְׁט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר, עֶס אִיז דָא אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, דִי דְרַייסִיגְסְטֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה בְּחִנָּם. דָאס אַלֶעס אִיז צוּ פַארְדַאנְקֶען מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מַאכְן מִיט טַייעֶרֶע שְׂמָחוֹת; מִיר זָאלְן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער יוּנְג אוֹיפְ׳ן פָּשׁוּטְ׳ן וֶועג.

דֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, שַׁבָּת מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ טֵבֵת, וֶועל אִיךְ זַיין אִין שְׁטֶעטְל. אוֹיךְ דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין שְׁטֶעטְל, מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

...

## עֶס אִיז יֶעצְט טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין לִיכְטִיג וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת; עֶס אִיז יֶעצְט טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער אַחַר הָרָע יָבוֹא הַטּוֹב, עֶס וֶועט דִיר שׁוֹין לִיכְטִיג וֶוערְן.

בְּלַייבּ שְׁטַארְק, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, לֶערְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַסַאךְ אֲשֶׁר בַּנַחַל. אֲשֶׁר בַּנַחַל הָאט אַ כֹּחַ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ מֶענְטְשׁ פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם, אֲפִילוּ מֶען זָאל דוּרְכְגֵיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג, אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען אֲשֶׁר בַּנַחַל הָאט מֶען כֹּחַ אַלֶעס אַרִיבֶּערְצוּגֵיין.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה; יֶעצְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי דוּ זָאלְסְט קוּמֶען, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט פַארְפְּלָאנְטֶערְן מִיט דִי רֶעגִירוּנְג. אִיךְ וֵוייס אַז דִיר גֵייט גָארְנִישְׁט אָן, דוּ בִּיסְט גְרֵייט אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ, דוּ בִּיסְט אַ פְלַאם פֵייעֶר, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט טוּן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן. סְתָּם אַזוֹי וֶוען בָּחוּרִים קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה נֶעם אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם אַרַיין, אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא סְטְרַאשֶׁעֵרייעֶן, מֶען וָוארְנְט מִיר - אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אָבֶּער אַז דִי רֶעגִירוּנְג זוּכְט דִיר - דַארְף אִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט עַסְקָנִים; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא עַסְקָנִים וָואס וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן אַלֶעס זָאל זַיין לֶעגַאל, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיךְ זוּךְ דִיר נִישְׁט אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן; אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ ווִיל דִיר הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה, עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ סַכָּנָה פַאר מִיר אוּן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען.

רֶעד צוּ הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז אַ מֶענְטְשׁ מִיט יִשׁוּב הַדַּעַת, עֶר אִיז אַ מֶענְטְשׁ מִיט פַארְשְׁטַאנְד; עֶר וֶועט דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין לֶעגַאל, אַזוֹי

וֶועסְטוּ קֶענֶען קומֶען אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ מַאכְן הֶפְּצָה ווִי מֶען דַארְף, עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען מִכְשׁוֹלוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ״א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם; אַז אִיךְ זָאג דִיר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן, נִישְׁט רֶעדְן מִיט מֵיידְלֶעךְ - וֵויס אִיךְ וָואס אִיךְ זָאג.

אִיךְ עֶנְטְפֶער אוֹיךְ נִישְׁט פַאר קַיין מֵיידְלֶעךְ און אִיךְ נֶעם נִישְׁט אוֹיף קַיין מֵיידְלֶעךְ, אִיךְ רֶעד נָאר מִיט תַּלְמִידוֹת מִיט דִי הַסְכָּמָה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, און אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן רֶעד אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט.

מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר דָאס גֶעזָאגְט מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען מֶען הָאט בַּאשְׁמוּצְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר מַשְׁפִּיעַ, מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע (אַגַב, מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז אַלֶעס אִיז שֶׁקֶר, עֶס אִיז אַ בִּלְבּוּל, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס אִיז אַלֶעס וֶועגְן גֶעלְט), אַז אִיךְ זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן מִיט מֵיידְלֶעךְ און פְּרוּוֶען, און נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען. מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג וֶוען עֶר נֶעמְט אוֹיף פְּרוּוֶען אַז עֶס זָאל זַיין אַ גַבְּאַי אִין צִימֶער.

אַז מֶען רוּפְט דִיר בֶּעטְן סְפָרִים - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַן אַדְרֶעסְס און בְּרֶענְגֶען צוּם טִיר; חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ אָפְּשְׁמוּעֶסְן צוּ טְרֶעפְן עֶרְגֶעץ שְׁטִילֶערְהֵייט. אַז דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט פָאלְגְן וֶועסְטוּ מֶער חָרוּב מַאכְן ווִי אוֹיפְטוּן, אִיךְ וֵויס וָואס אִיךְ זָאג.

דָאס וָואס מֶען הָאט דִיר גֶערוּפְן פוּן דִי פָּאלִיצַיי וְכוּ׳ - דָאס אִיז אַן אוֹיסְנַאם פַאל; דֶער בָּחוּר אִיז אַנְטְלָאפְן, זַיי זוּכְן דֶעם בָּחוּר, אַ גַאנְצֶע סִיפּוּר בַּאֲרִיכוּת. דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן מֶער דֶעם

טֶעלֶעפָאן פַאר בָּחוּרִים; אַז אַ בָּחוּר רוּפְט דִיר, עֶר ווִיל סְפָרִים, עֶר ווִיל חִיזוּק - זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְן, אָבֶער מֵיידְלֶעךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט בַּיי דִי נְסִיעָה פוּן דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ ווִיל אַייךְ דֶערְצֵיילְן פוּן מַיין נְסִיעָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי נְסִיעָה; מִיר הָאבְן גֶעדַאוְונְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין.

אִיךְ ווִיל אַייךְ זָאגְן, דָאס מֶערְסְטֶע הָאבּ אִיךְ הַנָאָה גֶעהַאט בַּיי דִי נְסִיעָה פוּן דִי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ זֵיי שׁוֹין אַלֶע גֶעקֶענְט פוּן פַארְדֶעם, שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אָבֶער וֶוען מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם טֶעג אוּן נֶעכְט אוֹיף אַ בָּאס; מֶען פָארְט, מֶען עֶסְט, מֶען שְׁלָאפְט אוּן מֶען אִיז מִיד אִינְאֵיינֶעם - דֶעמָאלְט בַּאקֶענְט מֶען זִיךְ מֶער. דֶער אִיד ...., ... אוּן ... דָאס זֶענֶען אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע מֶענְטְשְׁן, נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, בַּאזֶעסֶענֶע מֶענְטְשְׁן; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט זֵיי דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה.

אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז בַּיי אַייךְ גוּט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר אַייךְ בַּיי דִי צַדִיקִים, אִיךְ בֶּעט כְּסֵדֶר פַאר אַייךְ; נִישְׁט אַלֶעמָאל קוּמְט מִיר אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן בְּרִיוו, זָאלְט אִיר נִישְׁט מֵיינֶען אַז אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעטוּן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן, אִיךְ גֶעדֶענְק גוּט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ כְּסֵדֶר פַאר אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער; אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּ אַייךְ.

זָאגְט פַאר דִי כַּלָה ... תִּחְיֶ' אַז זִי קֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן אִירֶע עֶלְטֶערְן חֲתוּנָה מַאכְן, זִי דַארְף נִישְׁט בְּלַייבְּן אִין סְקוּל.

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן מִיט דִי חָתָן; זָאל זִי פְרֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אַז חָתָן כַּלָה קֶענֶען רֶעדְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אָבֶער דָאס דַארְף זַיין מִיט דִי הַסְכָּמָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִין זְכוּת פוּן בֵּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קֶשָׁרִים, אִיר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם בָּחוּר.

בִּזְכוּת דֶעם וָואס אִיר הָאט עוֹמֵד גֶעוֶוען בְּנִסָיוֹן, אִיר הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט - וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַלֶעס וָואס אִיר ווִילְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶטְלִיכֶע הַלָכָה שְׁאֵלוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ שְׁפִּילְן אַ גֶעים אִין דִי טֶעג וְכוּ'; מֶען קֶען שְׁפִּילְן אַ גֶעים אָדֶער מַאכְן אַ פָּאזְל, מֶען דַארְף אָבֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת.

אוֹיךְ אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זִינְגֶען אִין דִי טֶעג מִיט דִי קִינְדֶער

קְרִיאַת שְׁמַע.

מְ'עֶן קֶען בָּאדְן צְוֵויי קְלֵיינֶע אִינְגְלֶעךְ אִינְאֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז נָאר אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם, זַייט אַייךְ מְחַזֵּק מִיט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. גֶעדֶענְקְט, אוּנְזֶער הַצְלָחָה אִיז נָאר אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן אוּן זִיךְ לַיידְן; אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן - וֶועלְן מִיר קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אוֹרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ, דֶעם רֶבִּינְ׳ס שֵׂכֶל - אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

פַארְשְׁטֵייט גוּט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שֵׂכֶל פְּרָטִי, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר טְרַאכְט, זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ, מִיר אַלֶע קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז הֵיילְן, דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם תַּכְלִית, מִיר זָאלְן טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וֶוען מֶען נֶעמְט זִיךְ צַאם אַ גַאנְצֶער עוֹלָם קֶען אוֹיסְקוּמֶען רַייבֶּעֲרֵייעֶן, דֶער שְׁלֶעפְּט אַהֶער, דֶער שְׁלֶעפְּט אַהִין, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט דָאךְ זַיין וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט אוֹיף דִי נְשָׁמָה, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי תַּכְלִית; פַארְוָואס מֶען הָאט זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען - דֶעמָאלְט אִיז גוּט, דֶעמָאלְט הָאט מֶען זִיךְ לִיב.

מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין וַוייט פוּן עֶנְק; מִצַּד הַגוּף זֶענֶען מִיר אַבִּיסְל וַוייט, אָבֶּער מַיין הַארְץ, מַיין מֹחַ - אִיז מִיט עֶנְק. אִיךְ הַאלְט מִיט יֶעדֶע רִיר בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל, דִי גַבָּאִים שְׁרַייבְּן מִיר יֶעדֶע פְּרַט וּפְרַט, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ בְּעִיקָר מִיט אֵיין זַאךְ, דָאס אִיז בַּיי מִיר דֶער עִיקָר; אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים שְׁרַייבְּן מִיר אַז מֶען הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר בְּאַחְדוּת, יֶעדֶער שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט אִין שׁוּל, מֶען שְׁמֵייכְלְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מֶען פַארְגִינְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן;

דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר פִירְט זִיךְ – וֶועט דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם זַיין אַ מַאגַאנֶעטִישֶׁער פְּלַאץ, עֶס וֶועלְן קוּמֶען אוּן קוּמֶען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אַלֶע וֶועלְן טְרֶעפְן חִיזוּק דָארְט.

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ אָנְצוּטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת וֶוען מֶען צִינְדְט, מֶען דַאוֶונְט מַעֲרִיב אוּן מֶען גֵייט אַהֵיים גְלַייךְ צִינְדְן. מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי וָואס פָּארְן אַוֶועק שַׁבָּת חֲנוּכָּה, לָאזְן אִיבֶּער דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, חֲנוּכָּה אִיז אַ חִינוּךְ יוֹם טוֹב, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע זִיצְט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ, מֶען זִינְגְט אוּן מֶען טַאנְצְט אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דִי וָואךְ בַּיי אַ נְסִיעָה צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי נְסִיעָה, בְּעִיקָר צוּ זַיין מִיט אַפָּאר חֲבֵרִים פוּן אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם. אֵינוֹ דוֹמֶה וֶוען מֶען זִיצְט אַפָּאר טֶעג אִינְאֵיינֶעם, מֶען זִיצְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען פָּארְט גַאנְצֶע טֶעג אוּן נֶעכְט אִינְאֵיינֶעם, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן וֶועג אַסַאךְ נְקוּדוֹת וִוי אַזוֹי אַ שׁוּל דַארְף זִיךְ פִירְן, דִי גַבָּאִים וֶועלְן אַייךְ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעבְּן. אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דֶער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם זָאל זִיךְ פִירְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דִי גַבָּאִים בִּשְׁעַת דִי נְסִיעָה אַז אִיר וַוארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף אַ בְּרִיוו, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק אַ בְּרִיוו; וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אַייךְ צוּ שְׁרַייבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ לִיכְטִיגֶער חֲנוּכָּה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פ׳ אוֹר קִינְדְלֶער

## עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּטֶע צַייטְן

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן, דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן – אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אִין וֶועג מִיט ר׳ יַעֲנְקֶל אַ סוֹחֵר פוּן מֶעל; ר׳ יַעֲנְקֶל הָאט מִיט גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין אָנְגֶעפִילְטֶע וָואגְן פוּן זֶעק מִיט מֶעל.

פָארְנְדִיג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן אוּן דֶער וָואגְן מִיט מֶעל אִיז בַּאגָאסְן גֶעוָוארְן, ר׳ יַעֲנְקֶל הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען, וַוייל פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט אוּן הָארֶעוַואנְיֶע אִיז יֶעצְט גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן; מֶעל וָועט עֶס וֶוערְט נַאס קֶען מֶען דָאס מֶער נִישְׁט נוּצְן אוֹיף גָארְנִישְׁט. דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען: "יַעֲנְקֶל שְׁטַארְק זִיךְ", "יַעֲנְקֶל שְׁטַארְק זִיךְ", "עֶס וֶועט גוּט זַיין", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען אַ גַאנְצֶע וֶועג.




"יַעֲנְקֶל שְׁטַארְק זִיךְ!"

רֶבִּי נָתָן זִיצְט נֶעבְּן ר' יַעֲנְקֶל אוּן עֶר הֶערְט וִוי ר' יַעֲנְקֶל זִינְגְט צוּ זִיךְ דֶעם נִיגוּן אַזוֹי זִיס, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַאר רֶבִּי נָתָן דֶער נִיגוּן, הָאט עֶר דָאס אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "וּמִנּוֹתַר... וּמִנּוֹתַר... וּמִנּוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשֶׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים" אוּן בִּיז הַיינְט זִינְגֶען בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים דֶעם תְּנוּעָה'לֶע; מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, מֶען אִיז

שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וִויל זֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט אוֹיפְגֶעבְּן אָדֶער מֶען וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה.

## אִין דִי שְׁנֵיי מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן – (א)

קִינְדֶער וֶוער וִויל זַיין אַ צַדִיק?

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אַלֶע קִינְדֶער ווילְן זַיין צַדִיקִים; קִינְדֶער אִיר וֵוייסְט אַז מֶען קֶען זַיין אַ צַדִיק אוּן אוֹיךְ שְׁפִּילְן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן? אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן דֶעם רֶבִּינְ'ס יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְבַּאהַאלְטְן נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וֶוער דֶער רֶבִּי אִיז, נָאר דֶער רֶבִּי'ס וַוייבּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין וַוייבּ דִי צַדֶיקֶת סָאשְׁיָא זִי זָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם פוּן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט שְׁטִילֶערְהֵייט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט טַייךְ, דָארְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט.

גֶעוֶוען אִיז דָאס אִינְמִיטְן וִוינְטֶער, עֶס אִיז קַאלְט, עֶס גֵייט אַ פְרָאסְט, דִי טַייךְ אִין הוּסְיַאטִין אִיז פַארְפְרוֹירְן, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוֹיפְ'ן טַייךְ, מֶען נוּצְט דִי טַייךְ פַאר אַ וֶועג צוּ גֵיין פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן. עֶס גֵייט דָארְט אוֹיךְ רֶבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ

לִבְרָכָה דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁוֶוער אוּן זֶעט וִוי זַיין אֵיידֶעם – דֶער רֶבִּי – שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט חֲבֵרִים, זֵיי גְלִיטְשְׁן זִיךְ אִין דִי שְׁנֵיי, עֶר וֶוערְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען וַוייל עֶר אִיז אַן אֵיינִיקֶל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען פַאר מַיין טָאכְטֶער אַן עֶרְלִיכֶער אֵיידֶעם; עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט, עֶר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עִבְרִי׳.



"אָאָאָפְּסְסְס!!! שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט אָבֶּער יָא דֶעם אֱמֶת אַז עֶכְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי שְׁנֵיי - הָאט עֶר דָאס גֶעטוּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען קֶען שְׁפִּילְן, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן, אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן אַ גַאנְצֶע צַייט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!", "אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; אוֹיבּ מֶען צֶעקְלַאפְּט זִיךְ זָאגְט מֶען: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" "אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה".

קִינְדֶער טַייעֶרֶע, אַז מִיר וֶועלְן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט - וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט בס"ד

# חנוכה ספעשל!

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעכאפטע וועכנטליכע קונטרסים

## עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות ותשובות אין אלע
אקטועלע נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
**הרה"ג ר' יואל ראטה שליט"א**

איז שוין יעצט
דא צו
באקומען
אפגעשיקט

**יעדע
וואך
צו אייער
טיר
אויף די
פאסט**




**חנוכה ספעשל:**
צאלט פאר איין יאר
**באקומט 4 וואכן
אומזיסט**

פאר די ביליגע
פרייז פון בלויז
**$2.99**
פער וואך

פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן
געווארן פון די געשמאקע בריוו,
פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן
פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

**718.387.2691** קרן הדפסה היכל הקודש

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**

goodpointmediainc@gmail.com